STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03153

# KVAL FUN YERUSHE

Jesia Yerusalimsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיה יערוסאַלימסקי:

* * * *

# קוואַל פון ירושה

* * * *

פאַרלאַג „ירושלמי״ ברוקלין, נ. י.

# *Kval Fun Yerusho*

## POEMS

*By*

*J. JERUSALIMSKY*

(S. JEROME)

●

*Copyright 1953*
*By S. JEROME*
*1870 Brown St., B'klyn 25, N. Y.*

מאלטאליט אין „ירושלמי" פרעס

1870 בראון סט., ברוקלין 25, נ. י.

עמען -

מיין עזר

פון זעלבן מחבר:

"די עטישע לערע פון די תנאים"
פארלאג "די פעדער" ניו יארק
תש"ז

"פענצטער אין הימל" לידער און פאעמען
פארלאנג "ירושלמי" ברוקלין, ניו יארק.
1950

"יידיש ליד" לידער און פאמען
פארלאג "ירושלמי", ברוקלין,ניו יארק

## קוואל פון ירושה

גלעבט האט א איד אין דער אוקראינע,
באוואוסט געווען אלס דער "בעל מנחת־משה";
געדוט אויף אים האט תמיד די שכינה,
אין הארצן – געפלאקערט דער סנה.

"דער מענטש איז אליין אן עולם־קטן" –
געקנעלט האט ער מיט קליין און גרויס;
ניט איינמאל, אין צייט, איז אים געראטן
אראפנעמען דעם קרבן פון עקדה׳ס שויס.

געגעבן האט ער מעשר פון בצמצומדיקן פארמעגן,
חלילה ניט צוליבן ווערן רייך;
געגאנגען איז ער תמיד אין גאטס וועגן,
ווי ס׳ציט זיך צום ים דער טייך.

מיט ביטול פון זיך כבוד געטריבן,
ווי מ׳טרייבט אפּ א זלידנע פליג;
פארנאכט, מיט דריבנע אותיותלעך פארשריבן:
"געהאט איבערן יצר־הרע נאך א זיג"!

גלעבט האט ער נאר צוליב דער תורה,
געקלאמערט זיך אין איר טאג און נאכט;
אין יעדן אות געזען די האנט פון בורא,
נאך יעדן סוף־פסוק זיך פארטראכט.

באקעמפט קנאיש ווילדקייט, אבערגלויבן,
און ניט געלאזט זיך פירן אויפן פשרה־וועג;
ניט מיד געווארן דעם עתיד אלץ צו לויבן:
"הנה ימים באים – עס וועלן נאך קומען טעג:

װען אױפגײן װעט אין מענטשן דער אורים־ותומים,
אראפװארפן װעט די חכמה איר סודות־קלײד;
די װערט פון װארט ־ אלף־אלפים פעמים
װעט קלוג זײן מער פון שלמה׳ס אלע רײד!

אריסטו, לערנען װעלן קלײנע קינדער,
דעם רמב"ם ־ בײ דער מאמען נאך אין בױך;
דער װאסער־טרעגער װעט באװײזן װאונדער:
אין אײן ציײט זעען דעם אחורים און תוך.

די אחדות װעט דעם מענטשנס הארץ דערפרײען,
און ליכטיקן זײן פנים פונם פינסטערן געהיל;
פון אלע ערדישע טױט־שרעקן און די װײען,
פארמײדן װעט עס אים פון זײן צו זײער
ציל!"

ער האט ניט ליב געהאט מגידים און מוכיחים,
פאר זאגן מוסר און הארבע שטראף־רײד;
ער טוט א זיפץ:"מה בני ישראל צריכים ? ־
דער גואל זאל זיך הילן אין זײן קלײד!"

און ער פארגײט זיך גלײך אין א תפילה:
פארנעם,ט,גאט, שױן אונדזער װײ־געשרײ!
דײן װילן זאל אױך זײן:ובנה ביתך
כבתחילה,
דײן פאלקס פארחושכט הארץ אים שױן דערפרײ!"

מתבודד געװען זיך אין די פעלדער,
עס װײט פון רעש און טומל פון דער װעלט;
פון גרױסן װאונדער, א ליכטיק־באהעלטער
אין זײן נשמה־אױסגוס זיך פאר גאט
געשטעלט:

"די וועגן דיינע, גאט, איז שווער מיר צו
באנעמען,
נאר גרויס דיין חסד און דיין גנאד!
און טוסטו ווען דאס הארץ פון מענטשן קלעמען־
נישטא נאך אזא גאט, ווי אונדזער גאט!

ווייל אונטער דיינע פליגל טו איך זיך באהאלטן,
און נאר צו דיר אליין ווענד איך מיין בליק;
דעם קאפ פון דער שלאנג – דיין אטעם וועט
צעשפאלטן,
אומזיסט פארציען וועט דער תליון אויף דעם
שטריק!

דיין חסד זאלסטו אויף פון מיר ניט טאן
פארבארגן,
ווען עפענען וועסטו פאר דיין קנעכט די
טיר;
א יומא־דפגרא וועט מיר זיין מיין לעצטער
מארגן –
ווייל טיפע בענקשאפט מיין נשמה פילט צו דיר!

און ווען מיין זכר וועט שוין פאר דיין כבוד
קומען,
דערמאנען זאסטו: כ׳בין נישט מער ווי שטויב!
און ווי געזאנג פון דוד האסטו ליב
פארנומען,
זאל קלינגען דאן אויך זיס פאר דיר מיין
לויב!

– – – – – – – – – – – – – – – – – – –

אויף זיין מצבה,אויסגעקריצטע ווערטער גליען:
"אפגעטאן האט זיך פון אונדז די קרוין!"
די ווערטער,אמתע,אויפן שטיין זיי בליען:
"זיינע מעשים טובים — דער איינציקער לוין!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געלעבט האט א איד אין דער אוקראינע,
באוואוסט געווען אלס דער "בעל מנחת־משה";
מיין געמיט — א ירושה פון זיין מדינה,
אין הארצן דער פונק — פון זיין פלאמיקן סנה!

# א געבעט

א, הימלען, גיט מיר טשערניכאָווסקיס לירע,
נאָר גיט אויך צו פאַר איר א שטאַרקע שמירה,
א סגולה קעגן אומריינע אפּאָלאָ קלאַנגען;
א סאַפּאָקלים און אן אריסטאָפאַניס,
ניט פלאַנטערן זאָלן זיך אין די הושענות,
און אין מיינע תהילים געזאַנגען!

באַוויליקט אויך זיין אומענדלעכן טרויער,
דעם חוש־השמיעה פון זיין אויער,
פאַר געזאַנג, פאַר פאַרב און פאַר קאָלירן;
דעם פּאַטאָס פון שטורעם און ווילדקייט,
דאָס חלומען פון דער נאַכט אין איר שטילקייט,
וואָס עפענט ברייט פאַרן ליד אַלע טירן.

דעם אוצר פון לשון און פון בילדער,
א שותפות פון געזאַנג און געשילדער,
און תוך — ווי ביים אומשטערבלעכן ביאַליק!
דאָס אייביקע רוישן פון הארצנס פאַרלאַנגען,
וואָס ווערט ביים דיכטער מיט ליד באַהאַנגען,
ארומגענומען ווי מיט א זיידן שאַליק!

א, הימלען, גיט מיר טשערניכאָווסקיס לירע,
נאָר אויסשפּילן אויף איר כ'זאָל אידישע שירה,
וואָס טוט אין־סוף ליכט פאַר דיר אַנטפּלעקן;
און האָט מען איינמאָל די אויגן אויפגעהויבן,
ניט אַפּטאָן וועט זיך קיינמאָל דער גלויבן,
ניט יאוש, ניט סתירה וועט אים פאַרדעקן!

## צוריקקער

### א

דער הימל, די ערד און דער ים,
זיי זיינען מיינע עדות:
איך וועל ניט ברעכן מער דעם צאם,
געצייכנט פון טאטעס־זיידעס.

זיך לאזן טויטן פאר די געבאט —
דאס ליכט פון זייערע אויגן;
אין שויס פון אלמעכטיקן גאט
אויף האר געמאסטן און געוואויגן.
א שאד אלע יענע יארן,
אויף נישטיקייט זיי פארלארן,
אויף פאלש זיין צום אייגן הארצן.

### ב

איך קוק צום עבר צוריק,
ער לאכט מיר גלייך אין פנים;
אוואו נאר עס פאלט מיין בליק:
בלוט־מאנענדיקע שונאים!

ס׳ווארפט מיך אין קעלט און היץ,
דאס הארץ — אויוון און קעלטער;
באקרוינט מיין קאפ מיט נארן־מיץ,
אליין פארשעמט מיין עלטער.
מיין שכל איז מיר ניכטער,
איך בין אליין דער ריכטער
פון מיין אייגן הארץ.

ג

איך קוק אויף דעם עתיד זייט:
א גארטן מיט פארביקע בלומען;
א מלאך וואלקן־רוקן רייט,
פון שטראלן־גארטל ארומגענומען.

דאס פנים פון פליגל פארשטעלט –
שניי־ווייסע ליכטיקע טויבן;
דער גאנצער ארום באהעלט –
א ים זון־צעגליטע שויבן.
באנייט וועל איך ווידער ווערן,
פארוואשן וועט מיין קלאג און טרערן
די פלעקן פון מיין הארצן.

ד

כ'וואַרף זיך פון נישטיקייט אפּ,
קיין "לאו" מער קיינמאל פארלירן;
כבאקרוין מיט יראה מיין קאפּ,
וואש־ריין דאס הארץ און געהירן.

כ'שטעל אויף מיין משכן צוריק,
אן ארט, פון זינד אנטרונען;
באגריסן ספּארלארענע גליק,
אין יוגנט מיט גלויבן געשפּונען –
די תפילות און געזאנגען,
ווען כ'בין נאך ניט באגאנגען
די זינד פון פאלש זיין צום אייגן הארצן.

ה

עס קאָן נאָך טרעפֿן מיר דאָס גליק,
חרטה זאָל זינד אפּמעקן;
באַטרעטן כ׳זאָל די אַלטע בריק,
וואו אַפּענע הענט זיך שטרעקן.

וואו דאָס האַרץ ווערט ציכטיק־ריין,
און ציט צו די העכסטע הויכן;
אויף יעדן וועג וואו נאָר כ׳וועל גיין,
זאָל וואונקען פֿון גנאָד אַ צייכן:
אַ טיר איז אָפֿן אַנגעגרייט
פֿאַר בושה, וואָס זי באַשטייט
קעגן פֿאַלש זיין צום אייגן האַרצן.

ו

געוואָרט לאַנג נאָר זיך דערלעבט,
מען לאָזט מיין האַרץ זיך אויסריידן;
מיט תחינה אין רוים עס שוועבט,
פֿאַר די טויערן פֿון גן־עדן.

דאָס זידיקע בלוט זיך שפּאַרט,
ווי כוואַליעס פֿון ימען;
פֿאַרכאַפּט פֿון אויסגוס פֿון פּראַכט,
זיך טובלט אין כישוף־פֿלאַמען.
ס׳וועט באַלד מעגן זיך באַרימען:
נישטאָ איז מער קיין סימן
פֿון פֿאַלש זיין צום אייגן האַרצן.

ז

איך ווער פון א האנט באַרירט,
פון ווייטנס זיך טראגן געזאנגען;
ווי צו א חופה געפירט,
באגלייטן מיך קלעזמער קלאנגען.

מ'פירט אריין מיך אין א זאל,
סופיט – פארביקע גארטן־ביישן;
אויף מזרח־וואנט פאלט א שטראל
אויף א "סלחתי" פון קווייטן.
מיין אויג ווערט מיט טרערן פארלאפן,
דער נס האט טאקע געטראפן:
כ'בין ריין פון פאלש זיין צום
אייגן הארצן.

ח

איך הויב די אויגן ארויף,
מיט לויב פון גאנץ הלל:
"פון בוך מעק אויס מיין אלטן חוב"!
מיין הארץ איז מתפלל.

"זאל זינד אויסמיידן מיין טיר,
ווי ווילד־פרעמדער לשון;
פאר פרעמדער עבודה־באריר,
מיין הארץ זאל זיין פארשלאסן.
פארריגלט אויף זיבן ריגלען,
פארזיגלט אויף זיבן זיגלען
פאלשקייט צום אייגן הארצן!

## ט

כ'בעט אייך, ליבע פעדער־פריינט!
ניט שטעקט אויס צינגער־שלאנגען;
געטראפן מיר האט עפעס היינט:
א ליכט האט מיך געפאנגען!

גלויבט אייך אין וואס איר ווילט אליין,
כ'וועל אייך אייער דרך ניט שטערן;
אין אייערע אויגן זייט איר ריין,
געוואשן אין זידיקע טרערן.
איך האב איצטער נאר פארשריבן:
"כ'האב מיט גוואלד ארויסגעטריבן
דעם ווילן צו פאלש זיין צום אייגן הארצן.

## י

כ'רייס אייך ניט ארויס פון ברוסט,
איר זייט מיר ליב און טייער!
איך האב באציטנס זיך דערוואוסט:
מיין ווארעמען זיך ביי פרעמדן פייער!

איר מעגט גלויבן אין וואס איר ווילט,
כ'וועל קיין דעה אייך ניט זאגן;
איך האב א פוסטקייט דערפילט,
וואס איז ניט צום איבערטראגן.
כ'האב מיין נשמה געצירט
אין חשכות־קלייד, וואס דערפירט
צו פאלש זיין צום אייגן הארצן!

## דער מאן פון ליד

דער מאן פון ליד איז תמיד אין קלעם פון
סתירה,
ווי סוף סעזאנען פון יאר איז ער ניט
סטאביל;
אט־ווי די וואסערן פון שלוח איז ער שטיל,
און באלד אין כוואליע־געברויז — אן
א בחירה.

א צייט פרומער נאך פון צדיק רעב לייב־שרהס,
ער טונקט דאס הארץ אין קדושה הונדערט און
איין מאל,
און שיקט צום ווייטן הימל ארויף זיין
ציטער־קול —
און אט ווי אן אפטריניקער — פארדינט כרת.

פאעט גייט קיינמאל ניט ארוים פון יוצרס
האנט,
די כלי האלט דעם מייסטער אייביק געשפאנט,
ער לייגט יעדן ריר זיינעם אויף דער וואג
פון שכל.

ער קראצט ציטעריק ארום א ביין, דאס ווילד־
פליש,
און הויבט נאך אמאל אן פון סאמע אלף־בית —
דאס הארץ פון דיכטער אין צאפל יאמערט שטיל:
"מוחל!"

## צום שטיין-קריצער

ניט נעם אין האַנט דעם האַמער און די דלאָטע,
מיין ליד צו הילן אין זיידענער קאַפּאָטע –
פון אייגן ליירונט־קלייד געהאַט גענוג
גריזאַטע.

ס'האָט מיין ליד ניט געוואָרפן זיך אין די
אויגן,
פאַר רצון מיינעם צו דער ערד זיך געבויגן,
א ווייז געטאָן – און שוין אויף צוריק
געפלויגן.

איז ליד געוואָרן פון מיין איך דער אינדערמיטן,
מיט דעם געלערנט האָב איך באַלד די מסכתא
גשין,
כ'האָב אידישן תוך אויף גוישער פאָרם פאַרביטן.

גענומען האָט אויך פאָרם דערגיין מיר די יאָרן,
אָראָפּגעריסן פון אים האָב איך זיינע שפּאָרן –
מיין ליד איז צוריק א פּראָסטער זעלנער
געוואָרן.

ס'האָט מיין ליד ניט געוואָרפן זיך אין די
אויגן,
עס האָט מיין בלוט פון האַרץ אין דער שטיל
געזויגן,
פאַרוואָונדעט־האַרץ געטובלט אין פאַרב פון
רעגנבויגן.

## מיין צוואה

מיינע אויגן, די ליכטיקע, וואס האבן
איינגעזאפט אין זיך
אל־דאס שיינקייט פון דער וועלט –
(פארשטייט זיך, אין מיין דמיון פארגעשטעלט)
גיב איך א מתנה א בלינד קינד;
נאר אויב מיינע אויגן וועלן אויך זיין בלינד,
גיב איך זיי דעם זקן וואס זוכט ביי יענעם
זינד.

א, לעבן מיינס, האסט געלערנט מיט מיר
א הארב שטיקל מהרש"א:
אז דו ביסט מער ניט דא איז קיין זאך מער
נישטא!"

מיין ענייוות – דעם, וואס האט אנגעשריבן
אויף א זיידענער פאן:
גאט, היט מיך אויס פונם אויבן אן!
אין ענייוות זאל איך אין משה רבינו זיין
געראטן,
ווי כ'וואלט זיין מיט אים פון איין טייג
געקנאטן".
און ער האט פריער פאר מזומן א המון
באשטעלט,
(ס'האט זיך געלוינט דאס ביסל געלט)
מ'זאל שטורעמען פון זיין הויז די ווענט,
און טראגן אין דער הויך אים אויף די
הענט,
צוזאמען מיט זיין ענייוות־פאן,
ארויף, ארויף צום אויבנאן.

א, לעבן מיינס, האסט געלערנט מיט מיר
א שטיקל חיי־אדם:
"מען קאן ניט פארקנופן מער דעם איבער־
גערייסענעם פאדעם!"

די זאפט פון מיין נשמה גיב איך דעם קאלעגע,
וועמען ס'געפעלט ניט מיין ליד,
ווייל ס'דערמאנט אים "אין שלוש־סעודות
ביי א גוטן־איד,
אין א תפילה
אפילו,
ווערטער־קרובים
מיט די תחינות פון שרה־בת־טובים!"
די מתנה גיב איך אים, ווייל ער איז
"מלא־חן",
ער ווייסט ניט אליין,
אז ער איז געקומען ווי בלעם שעלטן,
און געלויבט מיין ליד לכל הגעלטן!
ווייל זיין גאנצער פלירט מיט דער בת־השירה,
דאס סערענאדירן איר אויף דער לירע,
איז ניט מער ווי אן אנשטעל,
ווי ביים פאלשן נביא דער גארטל פון פעל.

א, לעבן מיינס, האסט געלערנט מיט מיר
א שטיקל מעבר־יבק:
דער גאנצער "חלוקי־דעות־טומל" איז ניט
ווערט קיין שמעק טאבאק!

מיין גרויסן גלויבן,
וואס האט מיך ניט איינמאל פון שטויב
דערהויבן,

גיב איך יענעם פראסטן איד,
וואס האט געזאגט א גוט ווארט אויף מיין
ליד.
מיין גרעסטן אוצר,
וואס כ'האב ארויסגענומען פון דער אויס־
געשטערעקטער האנט פון יוצר,
מיין אהבא־רבה פארן זאפטיקן, הארציקן
מאמע־לשון,
גיב איך דעם איד וואס וועט ניט געבן
פאר איר א גראשן!

א, לעבן מיינס, האסט געלערנט מיט מיר
א שטיקל חומש מיט רש"י:
פרעג בעסער ניט קיין קשיא!

# אנהאלט

כ'האב געהאלפן אברהם'ן צעהאקן זיין טאטנס
תרפים,
און צוזאמען מיט אים געווארן געווארפן
אין קאלכאויוון;
פלאמען־צונגען האבן געגלעט צוויי קינדערישע
גופים,
ניט געשאדט האבן אויך די שפרוכן פון די
בעלי-כשפים,
און מיר זיינען פון דארט ארויס גאנץ
און מיט מער גלויבן.

איצטער קאן דער קאלכאויוון מיך מער ניט
דערהויבן,
ווייל עס פעלט מיר דער אנהאלט אין אברהמס
הייליקער פאלע,
וואס עס זאל די גרויסע שרעק אין מיר
פארטויבן;
קום איך איצט פון פייער ארויס ארימער
אין גלויבן,
און מיט וואונדן־טיפע ווי פון הייסער
סמאלע.

## אויסברייט

ס'וויל אפט אין שמאלן בעטל אויסרוען זיך
מיין גוף —
צעשטרעקן הענט און פיס זיך אין דער לענג
און ברייט;
און גארן, אז דאס בעטל זאל זיך געבן
א צעשפרייט,
ווי פארן דור־המדבר די וואסערן פון
ים־סוף,
צי ווי די ברייטע סאמעט־פליגל פונם אלטן
כרוב,
ארום דער שכינה וואס אין פלאטערן זיך
דרייט,
און הערט זיך איין מיט א ציטער צו דער
פלייט,
וואס יאמערט מיטן צער פון דעם פארשעמטן
בעל־זבוב...

עס בלייבט די מאס פון בעטל אלץ דאך ווי
געווען,
ניט ברייטער און אויך ניט לענגער אויף
א האר,
אין מיר אליין אבער, קאן יא נאך וואס
געשען,
געטראפן שוין ניט איינמאל האט מיר אויף
דער וואר,
אז פון נשמה־טיף פארנעמען כ'זאל א רוף:
"דיין נשמה מוז האבן רחבות מער נאך פון
דיין גוף!"

## דער רוח-חיים

איך האָב געזונגען לידער פיל,
פון דאַרשן און פון דאַנען;
פון הימל־לויטער און פון גרינע לאַנען,
פון הייסער־זון און שאָטנס־קיל,
פון שמונה־עשרה און להבדיל, פון קאַדריל.
פאַר מיינע אויגן איז תמיד געשטאַנען
דער גוטער מלאך פונם רחום־וחנון,
און מיך געהיט אין דער שטיל.

ס'האָט אַ ליכט מיך אַרומגענומען,
ווי דער שיין פון מאָרגנשטערן;
פון אויג אויסגעזויגן מיר די טרערן,
דאָס האַרץ מיינס מיר צענומען.
ס'האָט ניט אויפגעהערט אַרום מיר דאָס זשומען:
"דו זאָלסט קיינמאָל מיד נישט ווערן,
און טראָגן אויף זיך דעם עול, דעם שווערן"!
און האַרץ ענטפערט: אָמן!

דאָס ליד האָט נאָך מיט מיר ניט געשלאָסן
קיין ברית,
עס זאָל זיך אינגאַנצן צו מיר איבערגעבן,
איך זאָל אין דעם אַריינגעבן אַן אָטעם פון
לעבן,
אַ שטעל טאָן עס זאָל זיך ווי אַ ריז.
איך פרעג נאָך יעדן ליד: וואו איז
דער רוח־חיים, וואָס טוט דאָס ליד באַלעבן,
עס זאָל זיך אין מיין ליד איינוועבן,
ווי ווילן פון באַשעפער — אין "בראשית"?!

## פאראן טעג

פאראן טעג אין לעבן פון דיכטער – העמער-
פולע,
ער קוואלט מיט גרוים שפע פון יצירה און
גלויבן;
עס קומט אים אנטקעגן דער אנזאגער פון דער
גאולה,
און איבערן קאפ קרייזן זיך אין פלאטער –
טויבן.

עס עפענען זיך די טויערן פונם פארכישופטן
עגול,
מיטן גלאנץ און פראכט פונם בן־פורת;
פון קוואלן פון שירה טוט אפ זיך דער זיגל,
און זעטיקט דעם אויער מיט געזאנג פון
די דורות.

פאראן אויך טעג ווי פון מיסטקאסטן פליגן,
וואס מאלן איראגליפן און פוטוריסטישע
בילדער;
דער דיכטער ווערט זיך ניט,(ער וועט זיי
ניט באזיגן)
פאנטאסטישער ווערן די געמעלן און ווילדער.

ער וויל פארשטעלן מיט ביידע הענט די
אויגן,
פון שרעקלעכן בילד אין דער ווייט צו
אנטלויפן;
זיין קאפ טוט א פאל אויף דער ברוסט
אנגעבויגן,
ווי צוגעבונדן איז האנט און פוס צום
שייטערהויפן....

## פארטײלט

" על כנפי־נשרים",
ווי אין די הײליקע ספרים
געשריבן –
איבער זעקס מיליאן לײדיקע
אידישע קברים,
טראגן זיך פליטים זיבן,
מיט הײליקן אש אין האנט,
צו דער מערבי־וואנט...
זיפצט ווער:
"אונדז האט גאט געװײלט
און זײ, אונזן – פארטײלט!"
צוקט א ליפ:
"איבערגעזיפט ווי מיט א זיפ!"
שרעקן זיך צוויי הענט:
"ווי שײער אין פלאמען אפגעברענט!"
עמעץ שרײט:
עס ליגט אין דעם א טיפער בטײט!"
בײזערט זיך ווער מיט א שטאך:
"און א תוך!"...
דוארפט ווער צו:
"און נאך, און נאך!...
ציט זיך יאמערליך א ניגון:
"דער היטער פון ישראל זאל זיך לאזן
אזוי גרינג באזיגן!"...

## פארגיב מיר,מאמע!

פארגיב מיר, מאמע, זיי מיר מוחל,
פאר ניט היטן דיינע טריט;
ניט געהאט האב איך קיין שכל,
אזוי געפירט האט זיך דער איד.

דער מאמעס בריסט נאר א מיטל
צו האבן כוח פאר גאטס ווארט;
אויף עולם־הזה קוקן מיט ביטול,
א לעבן אפלעבן מיט א דארט...

כ'האב קיין צייט געהאט זיך צוקוקן
צום גרויסן פארנעם פון דיין ראל;
געדארפט דעם קאפ וואס טיפער רוקן
אין שטאנגען פון אידן־עול.

דער טאטע, אבער, האט מיר געוויזן
ווי אידיש־עול צו טראגן גרינג;
האט אויסגעשטעלט א ריי פון ריזן,
ווי הירשן לייכט און פלינק.

א לעבן לאנג אין זיין חברותא,
דערפאר באזינגט אים אפט מיין מויל;
"סמן ברכה" און "דרשה",
אין אויער קלינגט נאך זיין קול.

נאר וויסן זאלסטו, מאמע, ליבע,
איך קום וואס נעענטער צו דיר צוריק;
אין מיינע טעג און נעכט די טריבע,
מיין הארץ דערווארעמט דיין מאמע־בליק.

פארגיב מיר, מאמע, זײַ מיר מוחל,
פאר ניט קרוינען דיך אין מײַן ליד;
געוועזן דער שומר פון גאטס היכל,
געדארפט היטן די הייליגע טריט!

## סוף־פסוק...

"אין אנהייב", אזוי הויבט זיך אן דער וועלטס
תורה,
און לאזט זיך אויס: "פאר די אויגן פון גאנץ
ישראל";
נאר באלד דערהערט זיך ווידער אמאל דאס קול:
"אין אנהייב"!, אידן פארגעסערן ווידער דעם
בורא.

"אין אנהייב", אויך אזוי הויבט זיך אן מיין
לעבן,
און אויסלאזן זיך פאר די אויגן פון גאנץ
ישראל;
נאר ניט דערהערן וועט זיך ווידער דאס זיס
קול:
"אין אנהייב", א אינגעלע נאכזאגן זאל דעם
רבין.

פון אנהייב, ווי ווארים צום לעצטן אות איך
קריך,
און ווער פון מיין לעבן דער לעצטער פונקט־
שטריך...

## אויפן שייד-וועג

ס'איז שווער ארויפברענגען דאס ווארט אויף דער צונג,
וואס רייסט זיך פון הארצן פאר דער גרעסטער שליחות;
און שווערער איז באגראבן עס דארט אויף דער לונג,
צעברעכן עס מיט בראזג ווי משה די לוחות.

און נאך שווערער איז די משא אויפן געדאנק:
דאס ווארט איז דאך דער אנהייב פון א תפילה;
און ווייסט, פארלארן אויף אייביק דיין הארצנס געזאנג:
די טויערן פון הימל האלטן שוין ביי נעילה...

## געקומען איז א שטאפעט

א, ווייַנט מיט מיר, איר דורות פון אלע
צייטן,
און די וואס וועלן נאך זיין ביזן סוף
פון די טעג:
געקומען איז א שטאפעט אויף א פערד צורייטן,
מיט שטויב אויף זיינע קליידער פון א ווייטן
וועג.
ער האט מיין אידישן נאמען געטאן א פרעג,
און באלד דערלאנגט מיר א געחתמעטן פסק,
וואס האט מיין הארץ געריסן ווי א טעמפע
זעג:
"צונויפנעמען זאלסטו דיין פארדינסט אין
א פאק,
מיט ליכט זוכן און אנפילן וואס מערער
דעם זאק!"
"קיין זילבער, גאלד און דימענטן זאלסט
ניט נעמען,
אין שטויב פארוואנדלט זיי ווערן אין
זונען־לאנד;
דיין אלט־גרויען קאפ וועסטו נאר פארשעמען,
אליין ברענגען אויף זיך גרויס אומגליק
און שאנד,
באשטעטיקן דעם פסק מיט דער אייגענער האנט.
נעם דאס וואס געזאטן אין בלוט און אין
געביין,
ארומגענומען דאס הארץ פון ראנד צו ראנד,

חרטה, וואס האט ארויסגערופן געוויין,
צום סוף, געמאכט דיך פילן קלענער נאך
פון קליין!"

ניט נאר האב איך ניט קיין גאלד און קיין
תכשיטין,
נאר אויך פון די זאכן וואס האבן דארט
עפעס א ווערט;
די טיר פון הארץ האט גראדער שכל אויסגעמיטן –
פון אויבן אבער, איז ניט געווען מיר אזוי
באשערט,
איך האב אויך פאלשע תורות זיך פארקלערט.
א, ווינט מיט מיר, איר דורות פון אנהייב
ביזן סוף,
אז העלפן זאל מען מיר האב איך אליין
געשטערט;
אויף מיינע ווייעס קלעפט שוין דער אייביקער
שלאף,
און טייטלט מיר אין פנים מיט מיין פארדינטער
שטראף!

## דערווייל

א, בורא, האסט אפגעשטופט מיך אין א זייט,
און אויסגעשטרעקט די האנט צו אן אנדער
חומר;
געווען איז עס טאקע אזוי נויטיק, לאומר:
געווארט אויף דעם האט די וועלט א לאנגע
צייט?!

צי חל אויף דיר איז אויך דער מענטשלעכער
קאפריז:
ניט פרעג, אזוי איז געקומען אויף מיין
מחשבה!
נאר צייטנווייז ווארפסט אויך צו
א קליינע נדבה,
באוירסט ווידער א זאך פון דיין רייך-
געדעקטן טיש.

דערווייל טרוקנט אויף דיין טיש א פארגעסן
שטיקל ליים,
מיטן אפדרוק פון דיינע געטליכע פינגער;
און ווערט א ציל-ברעט פאר די בייזע
צינגער,
אין גאס, אין מארק און אין יעדער היים
און היים!

# בלינד איז די וועלט

א טרויער איז באפאלן דעם יונגן פרילינג
טאג:
" וואו איז די פרייד וואס ס'באגעגנט מיך
יעדן האלב־יאר?
צעלאזן פריי האב איך מיינע גאלדענע האר,
נאר קיינער גיט ניט מיט געבעט צו מיר
א זאג"
וועג איבער די פארפרארענע שאל פון וואג,
מיט גרויס שפע פון דיין זוניקן קאיאר;
דעם אומעט, ווייט אונטער די בערג פאריאג,
ניט מישן ער זאל זיך אינם פריילעכן כאר,
וואס ברומט אין הארצן פון יעדן יחיד
און פאר!

א, פרילינג, ניט אויף דיר פאלט די שולד
פון זינד,
אויך היינט, ווי אלעמאל ברענגסטו נאר
גליק,
נאר שטן שטייט היינט אונטער דעם קינדס
וויג,
און בלינד ווערט געבארן דאס היינטיקע
קינד,
אזוי, אז די גאנצע וועלט איז איצט בלינד!
זי גייט איבער איין לאנגער און שווארצער
בריק,
און לויפט פארביי ליכט ווי א שטורעם
ווינט;
פארווארפט איבער א באלקן אין דרייען
א שטריק,
און וויגט זיך אין כאכל אהין און צוריק!

## טיק-טאק! טיק-טאק!

א שרעק! ווען די ווייזער קומען זיך צונויף
ביי צוועלף,
קיין חילוק ניט צי עס איז ביינאכט צי
ביי טאג;
ווי צייט וואלט געווארפן דיינע שעהן
אויף דער וואג,
און זיי שרייען צו דיר אויף קולות: העלף,
העלף!

א רגע נאך צוועלף איז אנהייב פון נאך
א טאג,
נאר וועלכער וועט דערפירן צו א רגע
פאר צוועלף;
און ווידער וועלן דיינע שעהן שרייען:
העלף, העלף!
ווי צייט וואלט געווארפן זיי אויף דער
משקלת־וואג.

א שרעק! ווען די ווייזער קומען זיך צונויף
ביי צוועלף,
זיי ווייזן ווי קלענער און קלענער עס
ווערט דיין פארמעג;
ווי טיק־טאק און טיק־טאק עסן אויף אלע
דיינע טעג,
פארציקן דיינע רגעס ווי הונגעריקע וועלף.

# די נשמה פון מיין ליד

(סאנעטן־רינג)

א

ווען קאן מיין ליד אויף הערצער מידע משפיע
זיין –
אריינגעבן גלויבן און ווילן פאר א בעסערער
וועלט,
וואו רשעות ווערט ווי הויקער פארדעקט און
פארשטעלט,
ניט ציטערן און פלאטערן וועט מער דאס הארץ
אין פיין.

אז אויפגיין פאר די אויגן זאל א גרויס ליכט,
וואס זאל ווי דער עמוד־האש פירן אין וועג;
אז וואו מ'קערט זיך איז דער אויסגעטראטענער
שטעג,
אוווּאו ס'באגעגנט א שיין פון א פריינדלעך
געזיכט.

וואו טעג קומען שטיל אונטער א שניי־ווייסער
פון,
און גלעטן דאס הארץ מיט זעטיקער שפע פון רו;
מיטן לויף פון די רגעס אלץ רייכערט זיך די
שעה,
סוף־טאג – קעניגליכער אויפשטייג אויף דעם
טראן –

ווען דו, גאט, ביסט דער שותף צום ליד און
צום גראם,
ווען דו פוצט עס אויס אין אן עטרה פון טעם!

ב

װען דו פּוצט עס אױס אײן אַן עטרה פֿון טעם:
עס צײט זיך געדאַנקען װי אַ װירע גלײך;
זײ פֿרוכפּערן און מערן זיך װי די פֿיש אין
טײך,
און הױבן זיך מיט שטורעם װי די כװאַליעס
פֿון ים.

דער ריטם און דער גראַם געמאָסטן און געװאױגן
אױף װאָג,
ניט װײניקער און אױך ניט אַריבער דעם לויט;
באַטעמט און זעטיק װי פֿריש־געבאַקן קאָרן־ברױט,
פֿאַרגאַפּט דאָס אױג װי דער אױפֿשפּראָץ פֿון טאָג.

דאָס לשון װאָרעם און גלאַט װי אַ קינדיש־לײַב,
דאָס פּשטות — אױסגעהאַמערט פֿון אַ קינסטלער־
האַנט;
צעגליט דאָס אױג װי אַ קונסט־געמעל אױף דער
װאַנט,
צערעגט דעם מוח װי ערשטער באַהעפט מיט װײַב.

מײַן ליד אַלײן איז אַ מפּיל־קינד, אַן אײביקער
פּגם,
דײַן הײס־אָטעם נאָר צעצינדט עס אין בלוי־
רױטן פֿלאַם!

ג

דײַן הײס־אָטעם נאָר צעצינדט עס אין בלוי־
רױטן פֿלאַם,
װאָס שפּילט אױף שאָטן־טאַנץ אױף טונקל־גרױע
װענט,

און גלעט דאס אויג ווי פרילינג־רעגנבויגן
אין פארבן־בלענד,
ציט־אן דעם נייגער ווי אויף לויטערן פנים
א שראם.

דערהויבט דאס געמיט ווי פון מלאכים־געזאנג,
און פירט אוועק אין טרוים עט־עט אין הימלשער
ווייט;
פארן אומקערן זיך אין דער אלטער צייט,
דאס הארץ זיך צאפלט פון שרעק און באנג.

נאר פרייד פון הארץ ווערט אויפסניי זוניק־
צעפלאמט,
פון שורות פרישע וואס ציען זיך אין א ריי;
א בליץ — ווי די זון וואלט איר האר־פריזור
זיך צעקאמט,
די אופיר־גאלדענע לאקן געלאזן פאלן פריי.

דו גיסט אן אטעם פון לעבן אין מיין ליד
אריין,
אן דיין מיט־הילף איז מיין ליד א ניט
געווירענער ווײַן!

ד

אן דיין מיט־הילף איז מיין ליד א ניט
געווירענער ווײַן,
אפילו דער שיכור וואס רעדט שוין צו די שיך,
נאכן טועם זיין, שטופט אפ אים מיט ווייטיק
פון זיך,
ווי גיפט פון שלאנג וואלט אין זיין
איינגעווייד אריין.

איך גיב זיסע ווערטער צו, פארזיסן דעם טעם,
פארגאנגען זיך דא אין א יאמערליך געוויין;
ניט דורכגעלאזן וואו מ'דארף א קריץ טאן מיט
די ציין,
ארויסגעטריבן פון עזרת־נשים דעם מענלעכן
גראם.

מיר דוכט, איינגעגעבן מיר האט זיך אט דער
ביים,
ארויסגעריסן טויטע ווערטער ווי מיט א צוואנג —
נאר לײדיק איז דאס ליד ווי א פארטריקנטע זאנג,
דעם בגד איבערגעקערט אויף דעם אנדערן זייט.

מיין ליד קאן זיך קיינמאל אן דיין הילפניט
באגיין,
מיין אייגןווארט איז אויך ניט ביין פון
מיין ביין.

## ה

מיין אייגן ווארט איז אויך ניט ביין פון
מיין ביין,
נאר תבואה פארגעסן פונם שניטער — די שכחה!
אין מיין רשות-היחיד איז קיין אייגנס
נישטא,
א פעלד, וואס דער היישעריק געקאמט האט עס
ריין.

נאר באלד קומט דיין גרויס חסד צוגיין,
א פירזאגער, וואס רוימט איין אין אויער דאס
ווארט,

און ווייזט אן פארן רושמדיקן זאג דאס ריכטיקע
ארט,
מעסט איבער דעם ווייטן מהלך פון גרויס ביז
קליין.

דאס ארימע ווארט ווערט רייך אויף זיין
באשטימטן ארט,
און גיט דער שורה גאר אן אנדער באגריף און
באדייט;
ווי סארוועך וואס קומט ערשט אן פון דער ווייט,
און ברענגט מיט זיך ריחות פון א נייעם מין
טארט.

דו ביסט ווי א שומר געשטאנען איבער מיין
בעט,
געוועקט האסט מיין נשמה פון איר הינער־פלעט.

ו

געוועקט האסט מיין נשמה פון איר הינער־פלעט:
געמינטערט איר מיט וואסער־שפריץ פון דיין
לעבן קוואל;
באלויכטן אירע ווינקלען מיט אומענדליכן
ליכט־שטראל,
איר פריינט, דעם שלאף געשליידערט אין פנים
דעם גט.

דערלאנגט איר אין האנט דעם ניט־אויסשעפלעכן
כוס,
געהייסן איר מקפיד זיין ביים נאכזאגן ווארט
נאך ווארט,

ביז וואנען זי האט פון כוח פון ליד זיך
צעקאכט,
ביז נשמה דערוואכט האט צו תקון־חצות.

געעפענט אין איר דעם פארלאזענעם כישוף־
שלאס,
באפרייט אירע זאוויסעס פון נם זשאווער און
ראסט,
פארטריבן פון אלע היכלות דעם פריר פון
פראסט,
געמאכט זי איבערן פראכט און גלאנץ פארן
באלעבאס.

ווי מיטן הובעל דער סטאליער גלעט דעם סוק
פון ברעט,
מײַן האנט געפירט איבער מײַן ווארט מיט
מגיה־גלעט.

ז

מײַן האנט געפירט איבער מײַן ווארט מיט
מגיה־גלעט:
גערייניקט דאס לשון פון דערנער און
ווילד־גראז,
פארטײַטשט קלאר "צוליב ווען און צוליב
וואס",
ביז נשמה געווארן איז איבערפולט פון זעט.

נאר הונגער נאך יצירה באלד ווידער זיך
שטארקט,
דער ווייטיק איז גרויס ווי פון אן
אפענער וואונד,

נעמט דורך דאס הארץ פון אויבערפלאך ביז צו
דעם גרונט,
ארום האלדז – א שטאלענער רייף וואס דריקט
און ווארגט.

מיטן זעט און חלשות–הונגער, הונגער און זעט,
זיך לייגן אויפגערייענדיקע שורות אויף פאפיר;
ווי מאלער מיט זיין פענזל וואלט געטאן א פיר,
פון נאקעטן לייווונט ווערט געדיכט באזעסענע
שטעט.

מיין אויסגעבענקט ליד מאכסטו פון מינדסטן
פסולת ריין,
פארבייטן אויף דיין ווארט – דאס טוט מיין
האנט שוין אליין.

ח

פארבייטן אויף דיין ווארט – דאס טוט מיין
האנט שוין אליין:
א כאפ זי גיט זיך ווי זיין זאל צו דעם
געוואוינט,
זי ווערט טאקע באלד מיט א שטראלנדיקער שורה
באלוינט,
וואס מאכט דעם פארטונקלטן זין – קריסטאל–
ריין.

די האנט חברט זיך מיט ווערטער פון כלו–יש,
ארייגעקראגן דאך דעם שליסל צום טויער פון
"כי–טוב",
דרינגט דורך אירע קאמערן ווי אין האלץ די
שרויף,

פארזשמורעט די אויגן ווי פון בלענד פון
געשייערטן מעש.

זי ווערט דארט באלד היימיש ווי מיט די
האר אויפן קאפ,
פארקעמט זיי אינמיטן מיט א שווארץ־ווייסן
שרינט,
צעפאטלט זיי אין שויבער ווי פונם באריר
פון ווינט,
ווי פלאצן וואלט דער גארטל פון א
שטייענדיקן סנאפ.

די האנט זאל זיך ניט איבערנעמען, ניט
ווערן גרויס,
דיין בליק קערסטו אפ פון ליד אויף א רגע
בלויז.

ט

דיין בליק קערסטו אפ פון ליד אויף א רגע
בלויז,
אזוי באלד טוט דאס לעבן זיך אפטיילן פון
דעם גוף;
עס זינקט צום תהום ווי פרעהס רייטער אינם
סוף,
באלד שפייט ער מיט עקל דעם פגר אויפן ברעג
ארויס.

איך הויב אויף פון דער ערד די פרוכט פון
מיינע זינד,
וואס ווערט גאר צו קבר־ישראל ניט געבראכט,

נאר אונטערגעוואָרפן ווי א ממזר אין דער
נאכט,
ניט וויסן זאל די וועלט ווער ס'איז דער
טאטע פונם קינד.

איך לאז זיך מיט א צעוויישטיקט הארץ גיך
צוריק,
און שאר זיך ווי א גנב ביי די טונקעלע ווענט;
די שוועל ערשט אריבער, מיט פארבראכענע הענט
וואָרף זיך צו דער ערד אויף דעם פארלארענעם
גליק.

ווען מיין ליד ווערט דיין אטעם אויף א רגע
פארפעלט,
עס ווערט אויף יענער רגע אינגאנצן אפגעשטעלט.

ו

עס ווערט אויף יענער רגע אינגאנצן אפגעשטעלט,
נישטא דאך קיין גרעניץ צו מיינע לײַדן און
פּײַן;
מיין גומען האט דאך פארזוכט דעם זיסן טעם
פון וויין,
ס'וויג האט דאך אריינגעבליקט אין משכן־
געצעלט.

עס האט זיך שוין צוגעוואוינט צו פארב און
קאליר,
דער שימער פון פראכט איז פון דעם נאך ניט
ארויס;

פון וואונדער־התפּהלות איז שטאַרק נאָך דער
ברויז,
אויך האַנט ליגט נאָך דער אָפּדרוק פון שליסל
צו דער צויבער טיר.

נישטאָ מער קיין טיר, נישטאָ מער קיין שלאָס,
פאַרשוואונדן איז דער כישוף, פאַרפלויגן איז
דער טוים,
קיין בלעטל ניט געבליבן פונם גרין־צעבליטן
קאַרשן־בוים. ־
דאָס האַרץ נאָר ווייקט זיך אין אַ מבול פון
פאַרדראָס.

ווי די מזלות וואַלטן זייער גאַנג אָפּגעשטעלט,
אַ טויטע שטילקייט צעשפּרייט זיך אין מיין
געצעלט.

## יא

אַ טויטע שטילקייט צעשפּרייט זיך אין מיין
געצעלט:
עס בויערט מיין אויער ביים ביישטידל פון
דער טיר,
איך זאָל זיך אַ לעבן לאַנג אַרומטראָגן מיטן
באַציר,
פאַר העלן ליכט פון מיט־טאָג אין קונע מיך
געשטעלט.

איך גוט געקעכלט אויג זידט דאָרט אַ הייסע
טרער,
אַז ווייַ צום אויג וואָס זעט די ירידה פון
שאַנד;

און ווײ, ווען עס ווערט פארטריבן פון דעם
געגארטן לאנד,
אויף שלוש־רגלים ניט קומען אהין מער.

דער וועג צום ליד מיט שטעכיקע דראטן אפגעצאמט,
די פיס ניט יאגן זיך מער ווי אנגעגאסן מיט
בליי;
נישטא מער קיין אנדער ברירה, נאר אויף שפאגל־
נײ:
דײן ליד אויף להבא נאר באזאגט און באגראמט!

דער בראך איז ניט צום מעסטן, די אבידה צו
גרויס,
אבלות־טרויער שפארט פון יעדן פענסטער ארויס.

## יב

אבלות־טרויער שפארט פון יעדן פענסטער ארויס:
די ווענט זײנען אײנגעהילט אין חושך געדיכט,
ער הענגט אראפ שווער ווי פון זײגער דער
געוויכט,
ווי אויף א קלײן קינד א באלעגאלישער שמויס.

די קלאג־מוטער יאמערט – שוין גאר ניט פאר
געצאלט,
איר ביטערע יללה קאן צעווייקן א שטײן,
א טויבן זאל עס מאכן פארגײן אין גרויס
געוויין,
און קײנער זאל ניט זאגן: עס קאן ניט זײן
געמאלט.

וואס איז מיין ליד אן דיר, אן דיין פינגער־
באריר? –
א לאנג אויסגעלאשן ליכטל מיט פארגליווערטן
קנויט;
ווי קיינמאל ניט געווארעמט זיך אין פלאמען־
רויט,
ווי גארניט געשפיגלט אינם שדי אויף דער טיר.

איך בין ניט איך, דו האסט מיך קונציק
פארשטעלט:
איך בין זיך מתודה פאר דער אפענער וועלט!

## יג

איך בין זיך מתודה פאר דער אפענער וועלט:
ווי קום איך צו אידישער שירה, אידיש ליד,
אז כ'בין דריי פערטל אויך־מיר־איד און
איין פערטל איד,
וואוהין ס'האט געצויגן ניט דערגרייכט און
דא – פארפעלט.

איך בין אן אבר המדלדל וואס שלעפט זיך נאך,
פארפרעמדט אינגאנצן פון דאנען און האלב
אזרח דארט;
עס איז גאר נישטא פאר מיר קיין באשטימט
ארט,
דער קאפ בויגט זיך שווער פון ניט־איד־
ניט־מענטש יאך.

דעם גוף פון ליד קאן מיין האנט נאך איינפאסן
אין ראם,

פארקניפן און פארבינדן נאך ווי עס איז גליד
מיט גליד,
און אויך ווי דער דין פאדערט פון יעדן ליד
און ליד,
צו יעדער סוף־שורה צוגעבן וואס מען רופט גראם.

דער גוף און דער ראם קומט פון מיין אייגענער
וועלט,
די נשמה פון מיין ליד — דיין נדבה־געלט!

יד

די נשמה פון מיין ליד — דיין נדבה־געלט:
דער דפק וואס קלאפט און מאנט אין גוף פון
כל-חי,
און שרייט מיט באנומענע קול־קולות: שדי!
פארוואס האסטו מיך אין תפיסה־גוף אריינגעשטעלט?

דער מוח וואס ווייסט ניט פון רו ווי פון מיל
די ראד,
מאכט חרוב אלטע וועלטן און שטעלט גלייך נייע
אויף,
אזוי ווי וואכערהייט אזוי אויך אין טיפן־שלאף —
אויך אט די מתנה קומט פון דיין שטראמיקן גנאד!

אויך דער נשמהס פרייד און דער נשמהס פיין,
וואס גיט א רוח־חיים און באלעבט דאס ליד,
וואס מאכט הויבן און פאלן ביים בן־אדם דאס
געמיט —
אלץ וואס האט נאר מיט באשאף צו טאן — איז
דיין!

אז מיין נשמה קוויקט זיך מיט ראזשינקע וויין,
ווען קאן מיין ליד אויף הערצער מידע משפיע
זיין?

# טו

ווען קאן מיין ליד אויף הערצער מידע משפיע
זיין ? –
ווען דו פוצט עס אויס אין אן עטרה פון טעם,
דיין היים־אטעם נאר צעצינדט עס אין בלוי־
רויטן פלאם,
און דיין מיט־הילף איז מיין ליד א ניט
געווירענער וויין.

מיין אייגן ווארט איז אויך ניט ביין פון
מיין ביין,
געוועקט האסט מיין נשמה פון איר הינער־פלעט;
מיין האנט געפירט איבער מיין ווארט מיט
מגיה-גלעט,
פארבייטן אויף דיין ווארט – דאס טוט מיין
האנט שוין אליין.

דיין בליק קערסטו אפ פון ליד אויף א רגע
בלויז,
עס ווערט אויף יענער רגע אינגאנצן אפגעטעלט,
א טויטע שטילקייט צעשפרייט זיך אין מיין
געצעלט,
אבלות־טרויער שפארט פון יעדן פענסטער ארויס.

איך בין זיך מתודה פאר דער אפענער וועלט:
די נשמה פון מיין ליד – דיין נדבה־געלט!

## זאלן זײ!

װאָס אַרט מיר, זאָלן זײ זאָגן יעדן אַ גוט
װאָרט,
און צוריקן צו זיך מיט דעם דעם טאָרט;
אַזוי פילט מען דעם מאָגן זיך אָן,
און מ'װערט מיט אַ טראַט נעענטער צום טראָן...
קיין אומגליק, װאָס איז ביי זײ אַ װאָרט,
און װאָס שטעלן זײ דאָ איין איין קאָן?
אַז פון אַ װאָרט װערט ביי זײ אַ קװאָרט,
און אין איין גאַנג אויך טאָרט נאָך טאָרט.
זאָלן זײ!

אויך איך האָב ליב אַ שטיקל טאָרט,
נאָר װײַל הייליק איז ביי מיר דאָס װאָרט,
אין װינקל איך זיץ אָפּגעזונדערט שטום,
און קוק אויף דעם טאָרט ביייזלען־קרום,
און שלינג אַרונטער אַ װאָרט נאָך אַ װאָרט.
זאָלן זײ!

# אין זיך אליין

נשמה מיין, די רגע אין דער אייביקייט,
דאס לעבן, איז האניק־זיס ! —
נישט דאס וואס וואלגערט זיך פאר די פיס,
און נישט דאס וואס שפרינגט ווי א פארשייטע
מויד דיר אין די אויגן
שעמערירט מיט פארבן פון רעגנבויגן;
נאר דער ווייך
וואס געטראטן האבן דיינע בארוויסע פיס
זיינע קילע טרויבן,
קאן דיר דיין הארץ דערהויבן,
אז זאלסט ניט אויפהערן אים צו לויבן,
נשמה מיין!
ניט דאס איז גליק וואס מ'דערגרייכט מיט
דער האנט,
נאר דאס וואס בלענדט פון יענעם זייט וואנט,
און רייצט און צינדט דיין געמיט,
ווי לארד טעניסאנס ליד,
צי ווי אין דער פינסטער פון נאכט
א ווארימער שיין,
נשמה מיין!
די פרוכט וואס מ'רייסט מיט האנט פון בוים
איז ניט באזעלט פון טרוים,
און ניט באפליגלט איז דעם מלכס קלייד
וואס ווערט געלויבט פון פיל רייד —
נאר דאס וואס מ'באוואונדערט שטומערהייט.
אז לאזן זאל עס א ליכט אין דער ווייט,
און אן אפשיין אין דער אייביקייט.

אז ווי פיל מ'זאל דיין הארץ ניט קלעמען,
קאן מען עס ביי דיר מער ניט צונעמען,
ווי מ'קאן ניט צונעמען ביי די טרויבן דעם טעם
פון ווייך,
ווי ביי דעם לײדנדן – דעם צייכן פון פיין.
און נאך וועל איך דיר זאגן, נשמה מיין!
קוק אין זיך אליין אריין,
און גראב זיך אין דער טיף,
ווי א זינקנדיקע שיף;
דערזעען וועסטו דארט אויפן דנא
אן אוצר, וואס אויף דער ערד
איז קיין גלייכן צו אים נישטא!

## שאלת-חכם

ר׳לוי יצחק מבערדיטשעוו, האט פעסטגעשטעלט
א כלל:
"מען טאר אויף אידן קיין שלעכט ווארט ניט
זאגן,
מען דארף נאר ללמד זכות זיין אויף ישראל".
עס ווילט זיך דעם "בעל קדושת־לוי" א שאלה
פרעגן:
איז פאראן א זכות אויף אידן וואס גיין אין
פרעמדע וועגן? –
אויף אונדזער וועלט איז א גרויס איבער־
קערעניש געשען:
פיל אידן זיינען ניט מער וואס געווען.
אין אידנס אויג זידט נישט מער די חרטה־
טרער –
ער פילט קיין פאלק־אחריות ניט מער,
א גולם!
ער וויל זיך מער ניט פארטיפן אין תכלית
פון בריאת־העולם,
אין "דע מה למעלה ממך".
זיין נשמה יתירה האט זיך פון אים אפגעטאן,
זיין גאנץ לעבן איז איין גראע וואכנדיקע
שעה.
געפינען מיר שוין, חלילה, ביים סוף?
דער איד נעמט דאך די געטליכע שפע
מער ניט אויף!
עס הילכט גאטס קול אין מזרח, מערב, דרום,
צפון:

"קינדער, מיינע", טוט ער זיי רופן,
נאר זיי הערן ניט מער דעם טאטנס רוף,
דאס, אפשר, האט געפירט צו דער גרויסער שטראף?
וועט עמיצער זיך בעטן:"ניטע, מיין קינד!
ווי קאנסטו גאר האבן תרעומות אצינד?
דער איד, נעבעך, איז בלינד און פארשטארט,
פון פאלשע מנהיגים פארפירט און פארנארט:
"אל תהי כאבותיך" - האבן די פירער געדונערט -
ניט זיי ווי דיינע עלטערן וואס האבן געגלויבט
אין א גאט,
זיי זיינען פארנארישט געווען
און זיך פארגאנגען אין א לאנגן "אחד!"
אל תהי כאבותיך!" -
איך וואלט קיין שלעכט ווארט ניט געזאגט,
ווען די "כמו-זון" וואלט ביי אונדז כאטש
געטאגט;
ווען אנשטאט "מודה אני" זאגן,
וואלט א איד זיך איבערגעטראגן
אין פרצס "אפשר נאך העכער",
צי אין זיין "אליהו הנביאס בעכער".
דעם:"זאלסט, גאט, אונדז געבן געזונט און
הצלחה",
פארביטן וואלט די היינטיקע מאמע אויף
ביאליקס תחינה:
"מיין מאמע, זכרונה לברכה".
מיר זיינען אבער אויך דעם נסיון ניט
ביי געשטאנען,
און אידישע משפחות וועלקן און וויאנען.

לאנג אויסגעוועפט האט דער קידוש־וויין שוין,
און איין שטויב וואלגערט אויף זיך די נייע
קרוין...
מען וועט זאגן – "נו, נו, ס'האלט נאך, חלילה,
ניט אזוי שמאל,
ב"ה, פטור געווארן פון די נביאי־הבעל!
עס וועט שוין ניט נעמען לאנג,
און געבוירן ווערן וועט דער געפיל
זיך צו ראטעווען פון אונטערגאנג".
– גוואלד! דארף מען שרייען:
תלמידי־חכמים האבן אנגעווארן דעם טביעת־
עין!
ווי נייגט זיך די זאך? – ס'איז גאר פארקערט,
אט האט אויפן הויז פון ישראל זיך ארונטער־
געלאזט א נייע שווערד:
"ביסט געדעכט, און ער איז געדעכט!"
אז אלץ איז ביי אונדז גוט –
אפילו האנדלען מיט אידיש בלוט...
פארגעסן האט ישראל
דעם "זכור אשר עשה לך עמלק"!
יעקבס אפיטרופסים האבן שוין אויסגעווישט
פון אויג די טרער,
און דאס בלוט פון די קדושים ארט זיי ניט
מער.
מען גיט זיך שוין אפ מיט "כסוי־הדם"
פאר "געלטער גוטע":
פאר אידיש בלוט – א גלאנציקע פרוטה!
דער נעכטיקער שונא ווידער מיט גאלע
מעלות:

"דייטשלאנד איבער אלעס!"
און ישעיה הנביאס ווארט קארבט זיך אלץ אין
ישראל סבא׳ס שטערן:
ווארעם אזוי האט גאט געזאגט:
אומזיסט זייט איר פארקויפט געווארן,
און ניט פאר געלט וועט איר אויסגעלייזט
ווערן!"
אוודאי, איז אין אונדזערע "זיילן פון גלות"
נאך א פונק אידישקייט ערגעץ דא,
"נאר זיי ווילן היילן דעם בראך פון זייער
פאלק אויף גרינג,
אזוי צו זאגן: שלום!שלום! ווען קיין שלום
איז נישטא".
כסדר אין וואקל!
האבן מורא אונטערצופירן דעם סך־הכל,
ניט דארפן ארויפברענגען דעם אמת אויף דער
צונג:
"פארטריקנט זיינען אונדזערע ביינער,
און פארלארן איז אונדזער האפונג!"
ניט דארפן ארויפברענגען דעם אמת אויפן
געדאנק:
אז וואס מיר, אידן, האבן לעצטנס אין גלות
זיך דערווארבן –
איז אונדזער אונטערגאנג!
מיר זיינען נאך ניט פטור געווארן פון די
נביאי הבעל,
מיטן עם ישראל האלט נאך זייער שמאל!

איך אליין בין א גרויסער נוגע־בדבר,
מיט געבויגענעם קאפ שטעל איך זיך פאר:
אויך איך, ישעיה בן משה, בין פון מיינע
עלטערן אוועק,
און שווער איז אנצוקניפן צוריק דעם אלטן
וועג.
מיך ווילט זיך פרעגן:
קאן דער איד האבן א קיום אויף אזעלכע
וועגן?
איך וויל פון אן הייליק אידיש מויל הערן:
קאנען דידאזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?
איך וואלט זיך געענטפערט אליין,
אין האלדז מיר שטיקט דער געוויין,
עסווארפט מיר דער ענטפער אין שרעק,
איך זע פאר זיך איין גרויסער שווארצער פלעק...

## זיינע געבאָט

"די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט",
און זיינע געבאָט, וואָס ער האָט דעם מענטשן
געגעבן,
זיינען לעבן און לאַנגע יאָר.
ווי אַ טייכל קלאָר, דורכזיכטיק און ריין,
און נאָך טייערער פון טייער־געשטיין זיינען
זיינע געזעצן.
זיי צערייסן די נעצן פון פיין,
און ווי זיסער ווערן דאָס האַרץ זיי דערקוויקן.

מיט גאָטס געלייטערט וואָרט טוט מען אויף
גבורות,
צווישן זייערע שורות – וועלטן־זיילן,
שאַרפע גיבור־פיילן ליגט אין יעדן אות.
גרויס איז דער כוח פון גאָטס באַפעלן,
מען קאָן מיט זיי אויפשטעלן און צינדן נייע
וועלטן.
וואָויל צו דעם וואָס ניט פאַרפעלט די נאַכט,
און טראַכט פון די חסדים פון גאָט,
פון זיינע געבאָט – דעם גרויסן וואונדער!

## פאר ווער?

דער טאג פארשוואונדט, די נאכט קומט שוין אן,
דער טרויער גריזשעט דאס הארץ ווי זשאווער;
א שטוב מיט קינדער און האסט ניט קיין חבר,
א פריינט, וואס זאל איבערנעמען דיין טראן.
זאל הויבן די ארונטערגעלאזענע פאן,
אז ווידער זאל קלינגען דיין הארצנס ליד,
און ציען זאל זיך לאנג דער אידישער טאן,
וואס האט געהויבן אין דיר דאס געמיט,
און פון אלדאס בייזן דיך אפגעהיט.

פארשטאפט ווערן וועט דער קוואל פון מיין ליד,
ווי כ'זאל זיין אן עקר, אן א גואל,
ווי קיינמאל גערופן צו א קינד דעם מוהל,
מיט שיר המעלותן דאס ניט געהיט,
און ניט ארומגעגאנגען מיט שטילע טריט.
מיין לייב נעמט דורך א היץ און א קעלט,
פאר וועמען האב איך זיך דאס געמיט?
נישטא קיין קינד אין מיין גאנץ געצעלט,
א יורש צו ירשנען מיין אידיש ליד.

## דער כוח פון תשובה

(פון חסידישן מויל)

פון ליטע איז מען אמאל צום בעש"ט געקומען,
ער זאל פון זיינע תלמידים אויסקלייבן א רב,
א איד, וואס תורה איז זים צו זיין גומען,
און אין אירע רייד וועט ער טראכטן כל ימיו.

דער בעש"ט האט צוליב געטאן זייער בקשה,
האט אויסגעקליבן דעם בעסטן תלמיד פאר זייער
שטאט.
זיי האבן אים אויסגעקליידט אין נייער הלבשה,
און נאכגעגאנגען זייער רב טראט נאך טראט.

געגומען האט דער רב זיך מישן אין קהל־ענינים,
משגיח זיין וועגן צדקה געבן פון שטאט;
ארויפגעלייגט דעם עול אפילו אויף קבצנים:
"דער ארימסטער דארף זיך טיילן מיטן ברויט" –
זיין געבאט.

געפונען האט זיך אין שטאט א איד א לערנער,
פאר וועמען קהל האט געזאמלט יעדע וואך געלט;
דער שמש האט זיך ניט געשראקן פאר אידן מיט
הערנער,
אפילו דעם גרעסטן קמצן האט ער ניט פארפעלט.

דער מנהג האט דעם רב פאראומערט דאס לעבן,
געדריקט אויף זיין הארץ און געפרעסט עס
שווער;
ווייל ווען ער האט געהייסן נאך מער צדקה
געבן,

געוועזן איז דער ענטפער:"מיר קאנען ניט געבן
מער!

עס איז איבערגעבליבן לויט דער הכנסה
וואס מיר געבן גרעסערע נדבות דעם פרומען איד;
עס קומט אן געבוג שווער דאס שטיקל פרנסה,
אזוי פיל נדבות געבן זיינען מיר שוין מיד"!

דער רב איז אויף די פרנסים שטארק בייז
געווארן,
און ווי קיינמאל פריער געשריען אויפן קול:
"מען דארף פון אידנס געלט יעדע וואך עפעס
שפארן,
און צולייגן עס צו דער צדקה פון כלל!"

די רייד פון רב זיינען ניט געגאנגען פארלארן,
אלץ קילער איז מען געווארן צום פרומען איד;
דאס קול פון יעקב איז אפגעהאקט געווארן,
געזעסן איז דער למדן אין גרויס טרויער
פארהילט.

געמאנט האט די ווייב אביסל געלט אויף שבת,
דער איד אבער האט קיין פרוטה ניט פארמאגט;
פאר הארץ ווייטיק צעוויינט האט זיך אברהם
אבא'ס,
און האט פארן רבונו של עולם זיך באקלאגט.

אין הימל איז אויפן רב געוועזן נאך אן
אנקלאגע:
געקומען איז צום רב א קבצן און א גביר;
געטרייסט האט ער דעם נגיד:"ר'שלמה,ניט
דאגה"!

דעם קבצן אבער געלאזן שטיין פארן שוועל פון
טיר.

געקלאגט האט דער ארימאן מיט טרערן אין די
אויגן:
"דער גביר האט אויסגעדונגען ביים פריץ די מיל,
פֿון וואנען איך האב יארן לאנג חיונה געצויגן,
ער האט מיך משיג-גבול געווען" - ער'ט געטענהט
שטיל.

דער רב האט דאס טענהן אינמיטן איבערגעריסן,
מיט הארבע רייד פון אידנס הארץ איר פאריאגט:
"איך זע ניט איין וואס עס זאל דיר דא
פֿארדריסן!"
דעם תקיף - אפילו קיין שלעכט ווארט ניט געזאגט.

געשטעלט האבן זיך פארן בית דין של מעלה
די צוויי אנקלעגער, אויפן רב מקטרג צו זיין;
געפרעגט ביים ס"מ האט בית דין א שאלה:
צי האט ער גענוג כוח אין צדיקס גבול אריין?

גענומען ציטערן ווי א לולב האט סמאל,
געענטפערט: עס באפאלט אים א מורא און שרעק;
ארויסגיין אין קריג קעגן צדיק ר' ישראל -
דער ציטער אין הארצן גייט אריבער דעם ברעג!

בארואיקט האט אים דער בית דין של מעלה:
"אצינד איז אלץ נאר אין דיר אליין געווענדט,
זיין תלמיד, דער רב, גייט ארויס פון צדיקס
ממשלה,
און ווערט אינגאנצן איבערגעענטפערט אין דיינע
הענט"!

דער ס"מ איז געוואָרן ביי זיך שטאַרק ווי אייזן,
און פלינק אַרויסגעצויגן די פייער־שווערד פון
שייד;
מיט טויטן דעם רב וועט ער קיין קונץ ניט
באַווייזן,
ער וועט בעסער יענעמס ליפּן באַרירן מיט שמד־
רייד!

XXX XXX XXX

דער רב פלעגט יעדן שבת דאַווענען ביחידות,
אין זיין חדר־מיוחד, ביי זיך אין דער היים;
געציילט יעדעס וואָרט ווי זאָגן ער זאל ודוי,
געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ צעדער בוים.

ווען קהל האָט שוין געהאַלטן פאַרן לייענען,
אַריינגערופן האָט מען דעם רב אין קלויז
אַריין;
מיט ברכות האָט ער געטאָן די תורה באַשיינען,
נאָכן דאַווענען, פאַרבעטן דעם עולם עפּעס טועם
זיין.

דער רב אַליין האָט קיין בראַנפן ניט געטרונקען,
געמאַכט האָט ער קידוש איבער ראָזשינקע וויין.
אין טיף מוחיקע רעיונות פאַרזונקען,
צוריק איז ער אין זיין חדר מיוחד אַריין.

XXX XXX XXX

אין אַ שבת, ביים מאַכן המוציא איבער צוויי
חלות,

צעברענט אין רבס הארץ האט זיך א פייער פון שמד,
אראפגעווארפן פון זיך האט ער דעם טלית,
געלאפן צום גלח אויסבייטן דעם לעבעדיקן גאט.

דערזעען דעם רב אין זיין שבתדיקער הלבשה,
האט אים דער גלח אויפגענומען ווי א גאסט;
געפרעגט מיט א שמייכל וואס איז דעם רבס
בקשה?
– א, פאטערל, נעם אראפ פון מיר דעם אידן־
לאסט!"

דעם גלחס הארץ האט א פרייד ארומגענומען,
נאר גראד דאן האט ער קיין צייט ניט געהאט;
עס זיינען געהויבענע געסט צו אים געקומען:
צוויי פריצים מיט די ווייבער פון א ווייטער
שטאט.

ווי נאר די פריצים וועלן אוועקגיין,
מיט פרייד דערפילן וועט ער דעם רבס הייליקן
פארלאנג;
דערווייל זאל ער אין יענעם חדר אריינגיין,
און צוהערן זיך צו די קלויסטערס גלעקער־
קלאנג.

דער משרת האט אים אריינגעפירט אין א חדר,
ניט אויפגעהערט צו ריידן צום רב אין דער
שטיל;
האט צוגעגרייט פאר אים פרעמדע קליידער,
געשטעלט בראנפן און טרפהנע מאכלים פיל.

דער רב האט געטרונקען בראנפן און פיל
געגעסן,

דאס טרפהנע געקעכץ איז באלד אים ארויף;
מיט גרינער גאל אפגעגעבן האט ער דאס עסן,
א פאל געטאן און פארזונקען אין א טיפן שלאף.

XXX XXX XXX

ארייגעקומען איז צבור צום רב אויף קידוש,
געזוכט אים אומעטום,אפילו אויפן באלקאן;
זיי האבן אנגעהויבן זיך נאכפרעגן אין חידוש:-
"דער רב איז אוועק זיך שמדן,רחמנא ליצלן"!

דער עולם האט אנגעהויבן ביטער צו קלאגן:
"דער רבי וועט געפירט ווערן,חס ושלום,צו שמד!"
פון אלע זייטן האבן אידן גענומען זיך טראגן,
א גרויסע יללה איז געווארן אין שטאט.

XXX XXX XXX

ביים שלוש סעודות פלעגט דער בעש"ט באטראכטן
יעדן תלמיד, אפילו דעם מעבר־לים,
אין וועלכער מדרגה פון קדושה ער טוט דאכטן -
פאר נחת אונטערגעברומט: די־דא,די־דא־דאם!

דערזעען האט ער אז אין הארץ פון זיין
תלמיד
האט גרוים פייער פון שמד דארט זיך צעברענט;
ער האט שוין געקוקט נאר אויף דעם איינעם
תלמיד,
בכדי אים ארויסרייסן פון דער קליפהס הענט.

דער בעש"ט האט גענומען אין חידוש זיך
פארטיפן:

ווי קומט זיינער א תלמיד צו אזא שטאנד?
און ביי די ווערטער:"לבטלא כל קליפין" –
ווי אפטריבן עפעס, געמאכט האט ער מיט דער
האנט.

ארומגעטראגן זיך אין די עולמות העליונים,
אין אלע זיבן הימלען, חוקר ודורש זיין:
פארוואס קומט זיינס א תלמיד פון די ראשונים
ער זאל אין סטרא אחרא'ס הענט אריין?

געוואלט האט ער מיט גרוים וויכוח קומען,
מיט גוואלד ארויסרייסן זיין תלמיד פון סמ'ס
הענט;
פון יענעמס געלעכטער האט דער צדיק פארנומען:
די בריקן פון רחמים האט מען אונטער אים
פארברענט!

געלאפן איז ער אין אלע היילקע היכלות,
צו טענהן און בעטן און אפשרייען דעם גזר;
דערוואוסט זיך דארט פארוואס אזעלכע בהלות:
פאר אנטאן דעם ארימען מילנער גרוים צער!

פאר צונעמען פון א למדן די חיונה,
פאר אויפנעמען בסבר פנים דעם גביר,
א שטאט מיט אידן זאל מאכן א שלעכטע מינע,
מיט ליידיקן אוועקשיקן אן ארימאן פון טיר.

דער בעש"ט האט אנגעהויבן צו בעטן און טענהן:
פארוואס זאלן דעם רבס גוטע מעשים ניט מגין
זיין?
זיי שיינען דאך ווי דעם כהנס פייערפאנען,

פון אהבת ישראל פארגאנגען זיך אין פיין.

וויפיל גוטע מעשים ער האט ניט אויסגערעכנט,
האט בית דין של מעלה אלץ געקריגט אויבן רב:
זיי קאנען פאר א פאנצער ניט ווערן פארצייכנט,
און ניצול צו ווערן דורך זיי פון דער שטראף!"

געקלאמערט זיך האט דער בעש"ט אינם שלוש
סעודות,
די מצוה, וואס זיין תלמיד האט שטארק אפגעהיט:
זי צינדט דאך דעם הימל אין פייערדיקע נקודות,
ווי אלקביצעס לכה־דודי־שבת־ליד!

–"אוודאי איז דאס גאר א גרויסע מצוה,
און האט דעם כוח צו ווערן א מליץ־טוב;
באופן, מען איז א "מוכס שיש לו קצבה":
נאך היינט פראוועז מלוה מלכה מוז דער רב!"

xxx xxx xxx

גענומען האט דער בעש"ט צוויי קליינע חלות,
געקוקט אויף זיי און לאנג געהאלטן אין דער
האנט;
האט צוגערופן א תלמיד מיט פיל מעלות:
"די חלות נעם און שטורעם מיט זיי די וואנט!"

האט אויסגעדרייט אים מיטן פנים צום מזרח,
און מער קיין איינציק ווארט ניט געזאגט.
פארלאזט האט דער תלמיד מיט "א גוטע וואך!"
געלאפן הענדום־פענדום, ווי פון בייטשן
געיאגט.

געלאפן איז ער איבער בערג און איבער טאלן,
די חלות און דאס שטריימל געהאלטן אין האנט;
פון צדיקס רייד, דארף ער שטרייטן מיט סמאלן:
"די חלות נעם און שטורעם מיט זיי די וואנט!"

דער זאמדיקער וועג האט זיך אויף מיילן
געצויגן,
און ווארפט דעם שליח אין פחד און שרעק;
מיט אונטערגעהאקטע קני און אין דרייען
געבויגן,
ער שלעפט זיך מיט אלע כוחות, אט פאלט ער
אוועק!

פון הימל האט מען דעם בעש"ט'ס תלמיד צוגעזען,
אויף שמחת־הלב פארביטן די פאניק און שרעק;
א גרויסער נס איז צום שליח־מצוה געשען:
אט שפאנט ער אויף אן אויסגעטרעטענעם שטעג!

און אט איז ער שוין ביים גלח אין הייזל,
ער זעט ווי אויף דער הוילער ערד ליגט א איד,
דער חדר פול מיט בראנפן־פלעשער, ווי א
ברייזל,
דער שארפער ריח דאס הארץ אים פארכאפט און
ציט.

כהרף־עין האט דער תלמיד פארשטאנען
צו וואס דער צדיק האט אים אהער געשיקט;
די אלע גרויסע שטערונגען ביז דאנען,
און וואס צום סוף האט דער וועג אים אפגעגליקט

ער האט זיך צוגעזעצט אפכאפן דעם אטעם,

דערווייל איז דער רב אויפגעקומען פון זיין
שלאף;
ער האט אים אפגעמאלן דעם חטא פון שמד מיט
אלע פרטים:
"דער אפטרייניקער וועט האבן א שווארצן סוף!"

"מיין טייערער פריינט, וואס געווען איז געווען,
אט איז א קרוג מיט וואסער, וואש זיך די הענט;
געבענטשט איז דער וואס זיינע אויגן האבן געזען
ווי טמאה צעפאלט זיך ווי די יריחו־ווענט!"

דער רב האט געגעסן פון די שבת־חלות,
ווי נאר ער האט אראפגעשלונגען דעם ערשטן ביס,
באנומען האט ער זיינע מחשבות קלות,
און אנגעהויבן צו ציטערן מיט הענט און פיס.
— א בראך, צו מיר! — גענומען האט ער שרייען,
"נאר דער בעש"ט קאן באהילפיק זיין אין מיין
שטרייט,
נאר ער קאן מיך פון דער טמאהס הענט באפרייען —
דער וועג צו אים, אבער איז דאך אזוי ווייט!"

דערזעען האט דער שליח, דער רב האט חרטה:
"איך וועל דיר געבן אן עצה" האט ער אים
געטרייסט,
"האלט זיך פעסט אין דער פאלע פון מיין
קאפאטע,
און וועסט דורך קפיצת־הדרך ווערן אויס־
געלייזט!"

XXX XXX XXX

כך הוה, אט שטייען זיי ביידע פאר זייער
רבין,
דער צדיק זיצט נאך אלץ ביים מלוה־מלכה טיש:
"דו האסט די ווערט איך זאל דיר א תיקון
געבן,
אראפנעמען די זינד פון דיר מיט איין וויש!"

XXX XXX XXX

דער רב איז ווידער א צדיק גמור געווארן,
האט צענדליקער ישיבות אין תחום אויפגעשטעלט;
און ביז ער איז אין טרקלין אריבערגעפארן,
ער האט תמיד אויפן ארימאנס צד זיך געשטעלט!

## געגנטפערט וואלט איך

פון הימל ווען מ'וואלט ביי מיר געטאן א פרעג:
"מיין קינד, וואס קלאמערסטו זיך אזוי אין לעבן?
וואס האט דיין אטעמען אזוינס דיר געגעבן,
מיט אלע זיינע לאנגע נעכט און טעג?"

געגנטפערט וואלט איך הויך און אויף א קול:
"ווען כ'ליג מיינע טעג און נעכט צוזאמען,
מיך נעמט ארום דאן א גארטל פון פלאמען,
וואס קוועטשט פון אויג ארויס א טראפן קרישטאל.

די טרער, דאס איז מיין גרעסטער לעבנס־שכר,
באלויכט דאס פינסטערניש אין גאנג פון לעבן;
פארוועבט ס'הארץ מיט נייע טרוימען־געוועבן,
וואס מאכט מיך איבערגליקלעך ווי א נאר!"

# אין אייביקן געראנגל

אין ליכט פון טאג ווייסט מיין נשמה ניט פון רו,
זי ראנגלט זיך מיט כוחות אין אייגענעם תהו־ובהו;
זי קוקט די אויגן אויס פאר דער קדושה פון דער נאכט,
זי וואלט דאך דאן צו גאט א מתנה הייליק זיך געמאכט.
ווערט שוין די ערד באדעקט מיט בלאסן לבנה־שיין,
איר בליק זי גראבט טיף אין אייגענעם תהום אריין;
פארנעמט זי א שווארצע בשורה,ווי פון ראבן קרא־קרא:
דו זיצסט נאך אויפן קרייצוועג פון צווישן טוב און רע.
אט הויבט די קדושה זיך ארויף, ווי פון וואג די שאל,
און אט גיט זי פלוצלים א פאל אראפ מיט אמאל.
די טמאה זיצט שוין אויבן,ווי א רייטער אויפן פערד,
אין נידער,די קדושה וואלגערט זיך אויף דער ערד.
דיין טאג און דיין נאכט ווי צוויי טראפנס געראטן:
נשמה־געראנגל אין ליכט פון טאג און אין אוונט־שאטן!...

## בעלפער

געלייטערט האסט דאס ווארט פון פסולת,
צוריק געקערט עס צום אלטן מקור;
פארשטומט געווארן די פרעמדע קולות,
פארנומען האט דאס אויער: יהי אור!

האסט מיטגעהאלפן אין דער יצירה,
א שותף געווארן צום באשאף;
געמאכט א "חדר" וועלט־דירה,
געלערנט מיט גאטס קינדער דעם שראף.

אין פלאטער ווארקען ווייסע טויבן:
"געשטארקט אין מענטש האסט דעם גלויבן!"

## אין שליחות

די זון דרייט זיך אויף איר אקס,
און טוט פיל זאכן מיט איינמאל;
א זאך מאכט זי אכט ווי שטאל,
א צווייטע — ווייכער פון וואקס.

זי פארבט איין גרעזל אין גרינער פארב,
און גיט דעם זויגן די לעבנס־בריסט;
א צווייטן מאכט זי פארטריקנט־וויסט,
און רוימט דעם אין אויער: שטארב!"

די זון טוט זאכן אן א פארוואס,
זי פאלגט בלויז אויס דעם באלעבאס!

## נאכט-גוואלד

דער נאכט ווינט פייפט צווישן די אורעלטע
בערג,
און שמייסט זיי איבער נאקעטע מיט רציחה;
אין שטיל־שווייגן שטייען גאָס מעכטיקע ווערק,
ווי ס'אנשמייסן געוועז וואלט זיי גאר ניחא.

א שטיין זיך קייקלט גיך פון בארג אראפ,
קוקט אויס ווי א פארבלוטיקטער אבר;
ווי שווערד וואלט אראפגענומען א קאפ,
און רידל האט פארגרייט אין טאל א קבר.

פארטאג, די זון הויבט זיך ווי א פאן,
בינדט איבער די בערג זיי די פרישע וואונדן;
פון ווייטנס הערט זיך דער אנזאג פון האן:
"דער מערדער איז אין דער פינסטער פארשוואונדן"!

## פאראן א פרייד

פאראן א פרייד אין געדריי פון שטעג,
פאראן א רייץ אין פלאנטער פון וואלד;
ווי עמעץ זאל ווינקען:"א־טא באלד
אנטפלעקט זיך פאר דיר דער כישוף־וועג!"
דערגרייכסטו שוין אבער זייער ברעג,
דאן הויבט אן פאלן אין דיר דאס געמיט,
עס קערן אום זיך די וואכעדיקע טעג,
דערפילסט זיך מיטאמאל אזוי מיד –
אפגעהאקט האט זיך דאס שוואנען־ליד.

## זכיה

איך האב געבראכט דעם פאלק ישראל פון "אבות"
די רייד,
איך שיינע מעשהלעך און משלים זייי אויסגעצירט
און באקליידט.
איך בין געווען דער באצאלטער סרסור צווישן
מענטש און גאט,
דערווייל האב איך זיך מתעסק געווען מיט
זיינע פארזאג און געבאט.

מיין אטעם האט צעבלאזן דאס פייער פון הייליקן
דת,
פארשפרייט גאטס אומענדליך ליכט אויף דער
וועלטס ברייטער גאס.
איך בין געווען דער בלינדער שליח, וואס
דערפילט גאטס באגער,
דערווייל האב איך אין מלכס פראכט געטובלט
זיך אן א שטער.

איך האב געלערנט דעם מענטש ווי אויפצונעמען
יסורים און פיין,
ווי איין פארכישופטן טורעם פון אמונה מיט
פעסטע טריט אריין.
איך בין געווען ניט מער ווי דער שומר איבער
דער קעניגליכער קרוין,
דערווייל האב איך הכנעהדיק זיך געבויגן
פארן גזר פונם עליון...

## חלום און וואר

א שווערע האנט האט געוועקט מיך פון שלאף,
געווארנט מיר: "טארסט א רגע ניט פארזאמען!
אט עפענען זיך פאר דיינע פיס אימהדיקע
תהומען,
און אויסגערינען ווערט די פרייד פון נשמה
און גוף.
מיט אלע כוחות שטעל זיך קעגן דעם וואס גייט
אויף,
אפילו האסט די געפאר נאך ניט באנומען.
אליין האסטו דערבראכט איר ביז דאנען –
דו הערסט די שווערע טריט, דאס האסטיקע
שפאנען?

איך האב געוואלט די הענט אין אפשטויס
אויסשטרעקן,
נאר אפגעהאלטן האט זיי דער אויפגייענדער
פורעם,
ווי א געמעל פון א פארצייטיקן גאט פון
שטורעם,
וואס קאן מיט איין בלאז א גאנצן ישוב
אפמעקן.
אין האנט האט ער געהאלטן אן אויסגעקרומטן
שטעקן,
און א שווארצן בוך פאררוקט אונטערן ארעם.
די ריזן־געשטאלט האט באטראכט מיך מיט צער
און פארדראס,
און האט ארויפגעלייגט אויף מיין הארץ
א שווערן שלאס...

## נאך א טאג

ער האט געזאגט: "פארזיכער זיך דאס לעבן,
אזוי האנדלט יעדער בר־דעת!
דו ביסט ניט עפעס איינער פון דער גאס,
וואס לאזט א הויז אן א שטיקל ברויט!"
ער האט זיך ווי א וואולקאן צעברויזט,
און אויך געוויזן מיר אן הארטע פויסט,
וואס האט דערמאנט מיר אין מיין רבין,
פאר וועמען איך האב געציטערט ווי פארן טויט.

כ'בין ווידער געשטאנען פאר מיין רבין,
זיין פנים פארצויגן מיט א זיס שמייכל,
ווי איינער רעדט: "פארמאגסט שכל,
דו ווייסט וואס גלייך איז און וואס קרום"!
איך האב א כאפ געטאן די פען אין האנט,
און אנגעשריבן אויף דער געפארבטער וואנט:
"אוי, רבי, גיט מיר בעסער נאך א טאג לעבן,
און נעמט זיך אלץ וואס צוויי טאוולען
נעמען ארום"!...

# גליק

ניט וויין, מיין הארץ, אויף מיינע פארלארענע
טעג,
איך האב פון זיי קיין רגע אפילו ניט פארלארן;
די וואר: מיט יעדן טראט אלץ רייכער איך בין
געווארן,
זיך אלץ געוואונטשן נאר: ניט אויסלאזן זאל
זיך דער וועג!

געדוכט מיר האט זיך ווען איך זע פון ווייטנס
א ברעג,
צו מיין פייניקן טרויער איז ניט געוועז קיין
גרעניץ;
פון בארג מיט גליק געווארן איז א כזית־פעניץ,
פארווישט געווארן מיינע וועלטן ווי מיט איין
מעק.

ארומגענומען מיך שטייף האט דאן א גארטל פון
שרעק:
ניט דאס, ניט דאס איז געווען פון זיסן חלום
דער צוועק —
אן אויפהער ציען זאל זיך נאר די זוניקע־
בריק!

דאס פאלשע גליק האט מיר מיינע אויגן גאר
ניט פארבלענדט,
אין צארן אראפגעריסן איר מאסקע האבן מיינע
הענט —
אין פאלדן־רייץ פון זוכן געלעגן זיינען
אוצרות גליק!

## פון מיין לעבנס-בוך

אזוי ווערט אין מיין לעבנס־בוך דערציילט:
"גאט האט דיך פון אלעמען אויסדערוויילט,
ווי לאנג פארמשפט דיר איז דא צו זיין,
ברענען זאלסטו אין דיין אייגענעם פיין,
און ניט ווערן קיינמאל פארברענט,
אפילו ניט דורך אייגענע הענט!

נאך מער:
אין אויג זאל תמיד זידן א הייסע טרער,
ווי ביים וואנדערער, וואס גייט אין וועג,
און פארבלאנדזשעט אלעמאל אויף א שטעג
וואס פירט אהער, אהין —
נאר ניט צום צעברענטן באגין...
ער קרייזט ארום די גאנצע וועלט,
נאר ניט די שוועל פון זיין געצעלט!

און נאך:
זאלסט טראגן דיין שווערן יאך,
ווי אקס וואס גייט אין שפאן,
און קיינמאל זאגן: לא אזוז מכאן!
ניט ווערן זאל דער עול דיר מיאוס,
ביז פאלן וועט אויף די פיס,
דיין מידער אפאקאליפטיש פערד,
און שליידער טאן דיך צו דער ערד"!

## אין שפעטער-שעה

אין שטילקייט פון נאכטיקער שפעטער־שעה
פארנומען האט מיין אויער א באגערן־קול,
ווי "מו", וואס טראגט זיך פון דער שטאל,
ווען נאכן בוהאי האט זיך פארבענקט די קו.

עס טראגט זיך ווייט און ברייט דער "מו",
איך פרייען און רחבותדיקן קארן־פעלד,
און דרינגט אריין אינם פויגלס נעסט-געצעלט,
צעשטערט די צארטע אפרח'לעך די רו.

דער אקס מער מעלה־גרה'ט ניט,שאקלט מיטן קאפ,
פון מויל זיך ציט א שנירל צו דער ערד;
עס שפיצט אויך אן די אויערן דאס פערד,
ווי הירזשע־פרייד וואלט אויך אים אראפ.

נאר אפגעהאקט האט פלוצים זיך דאס קול,
ווי ס'וואלט דער שוחט אריין אין שטאל.

## ווי נעכטן

דער היינט, קוקט אויס, זיין וועט ווי דער
נעכטן:
כוועל ווידער בויגן מיין קאפ פארן געדעכטן;
מיין נעכטיק ווארט וועל איך אין בושה בייטן,
און די חרטה אין הארצן וועט זיך שפארן פון
אלע זייטן.
ווי אלע מיינע ביז איצטיקע טעג,
איך וועל גיין אויפן וועג
וואס פירט צו הארצנס־טיף;
ווי אויפן שטורעמדיקן ים די שיף
פירט צו א ברעג,
און ברענגט מיט זיך די צייכנס פון וועג,
און ווי נאר די כוחות ווערן איר באנייט,
זי לאזט זיך ווידער אין דער ווייטער־ווייט,
און טראגט אויף זיך געדן דעם שווערן עול,
ווי פרויען האלדז דעם שאל.
אויך היינט וועל איך דעם פרימארגן הארציק
באגריסן,
און דעם געקריוודעטן פון מיר זיין טאג
אים פארזיסן.
גייט ווער גלייך,
ניט בויגן כוועל זיין רוקן,
ווייסט קיין אויג ניט פון קיין טרער,
בלייבן וועט עס טרוקן.
איך האלט מיינע הענט פארבראכן –
ניט קומען וועל איך אזוי צום שכן.

די רגעס פון מיין טאג
וועל איך וועגן אויף דער מעשים־וואג,
און ניט אראפ וועל איך פון שליאך
ביז דער נאכטס ערשטער וואך,
ביז הימל וועט אויסגעצירט זיין
אין מיראדן שטערן־שיין!

## אומעטום

איך זע דיך, גאט, אומעטום:
אין דופט־רייץ פון דער בלום,
אין הימל איבער מיין קאפ,
וואס פאלט קיינמאל ניט אראפ.

פאר דיין זיין נישטא קיין שטער,
ביסט אויך דא אין פרייד־לייד טרער.
איך זע דיך, גאט ,אומעטום:
אין גלייך אדער אין קרום.

איך זע דיך, גאט, אין מיין ליד,
אין נצחות פון דעם איד,
אין כוח פון דער פליג,
אין פאלן,ווי אין זיג.

פאר דיין זיין נישטא קיין צאם,
ביסט אויך דא אין טיף פון ים.
איך זע דיך, גאט, אומעטום –
דערציילן דאס בין איך שטום!...

# סילאנו

(פייטן, געלעבט אין 9טן יארהונדערט
אין איטאליע)

סילאנו,א,סילאנו פון ווענוזא,
געבענטשטער דיכטער פון גאט!
וואס קהל האט ארויסגעטריבן
פון זיין געבארן־שטאט.

באמאלן דעם סכסוך האסטו שארף
און מיט א פולער מאס,
און צוגענאגלט צום שאנד־קלאץ
דעם שענסטן באלעבאס.

ווער ווייס ווי לאנג נאך, סילאנו,
געלעגן אויף דיר וואלט דער גלות־שטויב,
ווען ניט דיין חבר, אחימעץ בן פלטיאל
ארויסשיקן זאל די שלום־טויב.

אחימעץ האט היינט פארגעלייענט א ליד,
וואס האט דעם עולם שטארק גערירט;
דעם גרעסטן שונא דיינעם, דעם גבאי,
צו טרערן אים אזש דערפירט:

"— ווער איז דער טאטע פון פראכטיק ליד?
אין מזרח־וואנט איז דאך זיין "שטאט"!
—" דאס איז דאך סילאנוס, אייער בן־עיר,
וואס איז נעבעך, איצט נע־ונד"!

## פון חומשל

אזוי גייט דאס חסידיש ליד:
עס שטייט פארן מלך אכזר א איד
און שאקלט מיטן קאפ אויף ניין:
איך וועל די הארבע עבירה ניט באגיין!
ווען ס'קומט צו פאלש עדות זאגן,
מען טאר מיט דער דעה זיך ניט שלאגן.
פאר דער גרויסער שטראף דיינער
איך האב ניט קיין מורא,
עס שטייט דאך בפירוש געשריבן
אין דער הייליקער תורה:
"לא תגורו מפני איש"!

דער מלך ווערט געפלעפט:
"א איד זאל ריידן אזוי גוט פראנצויזיש?!"
צעקאכט זיך א מיניסטער: "ס'איז א פלא,
א איד זאל קאנען אזוי גוט טערקיש"!
א רוימער רייבט זיך דעם שטערן:
"א איד זאל ריידן אזוי פליסיק לאטייניש?"
און יעדער פארטרעטער פון די זיבעציק מלוכות
האט אויפן קול באשלאסן:
"דער איד איז א מומחה אין מיין מאמע־לשון"!

דעם אידן ווערט גאר־גאר פריילעך,
און ענטפערט אפ: "אדוני, מלך!
דער מענטש איז דאך באשאפן געווארן
צוליב דער תורה,
וואס איז פאר אים די בעסטע סחורה.

און דאס אייגענע צוריק:
די תורה איז דאך געגעבן געווארן
אין לשונות זיבעציק!
וואס־זשע איז דער וואונדער דא אזוי גרויס? –
איך האב דאך מיטן מלך גערעדט
פון חומש'ל ארויס!"

## פאר מיר

וואס גיט דער אורנט־שעהדיקער פליץ פון רייד?–
דער גוטער אלטער שטעג פאסט זיך גוט פאר מיר;
גאר היימיש און באליבט איז דאס הענטל פון טיר,
וואו פול איז די שטוב מיט א געטליכער פרייד,
מיט אפקלאנג פון שארך פון מאמעס בלוי־זיידן
קלייד,
וואו ווענט שיינען מיט שויתי ד' באציר,
און גאנצער ארום מיט צניעות־בליק פארשפרייט.
פאר מיר, גליקלעך בין איך אויף דעם אלטן
גוטן וועג,
און האף, ברענגען וועט ער מיך צו א שטילן
ברעג!
זאלן יענע וואס ווילן, דרייען זיך א קאפ,
דעם אמת זייר וועלן סיי־ווי ניט פארשטיין;
איך פיל זיך גליקלעך ווען די רייד האקן
זיך אפ,
און כ'בלייב מיט מיינע געדאנקען אליין!

## דערוואך!

דערוואך, נשמה מיין, דערוואך פון דיין שלאף!
פארנעם דיין אייגענעם רעטונגס־רוף,
וואס רייסט זיך מיט כוח פון טיפער־טיף:
"אין דרימל, נשמה, ליגט שוין דיין שטראף"!

דער פרעמדער ריח פאר׳סמט דיר די נאז,
ווערט נאך גיפטיקער פון ווינטס שטארקן בלאז.
די קלוגע עצה, נשמה מיין, פארנעם:
דער גערטנער זאל אויסראטן די ווילדע גראז!

די קעמערלעך פון דראנג אויף שלאס פארשליס,
באפריי זיך פון גיפטיקן שלאנגען־ביס;
ווערסט ווערן איבער זינד דער אויבער־האר:
וואוהין די געפילן ציען, אהין גיין די פיס!

אויפן אונטערדריקטן געפיל ניט טאן זאל דיר באנג,
ניט רירן דיין הארץ זאל זיין גסיסה־קלאנג;
זיין אויג היט דיין יעדן ריר און צוק פון ברעם:
אויף צווייען צעשפאלט דעם קאפ פון בעסטער שלאנג!

מיט יעדן זיג אלץ טיפער ווערסטו איבערצייגט,
מיט יעדן טאג — דער גלויבן אלץ העכער שטייגט;
ניט ארן זאל דיר דער שפאס פון חכם־נאר:
אז וואויל איז דעם וואס הערט אפחוזקן און שווייגט!
דו ביסט דער איינציקער חייב־בעונשין פארן שלעכטן טאט,

און מעג אין שותפות זיין א צווייטער צד:
די כלה גייט ניט אונטער דער חופה־דעק,
אן חתנס צוגעזאגטן הרי־את!

ניט זאג, קליינער זיג ווארעמט ניט די ברוסט,
און בלייבן וועלן דיינע שפייכלער תמיד פוסט.
א קנאפער ווייסער ביסטו אין קויף־פארקויף:
קליין־רווח איז בעסער איידער גרויס־פארלוסט!

ניט זאג אויך, מיט דערהויבונג בין איך ניט קיין פאר,
פון נעכטיקן גרויסן אימפעט ניט געבליבן איז קיין שפור:
און אז דער האגל האט אויסגעשלאגן יעדן זאנג,
פארזייט מען דען ניט ווידער איבער א יאר?!

זאל זיין, זינד איז רייצנד — א פארשוין!
און צו דינער זיינע — גרויס איז דער באלוין;
נאר האלב, נשמה, נאכגעבן וועל איך דיר:
די זינד איז א מלך — אביון, אן א קרוין!

ניט זאג מער, אומזיסט איז די גרויסע שרעק,
איך וועל בשלום אנקומען צו א ברעג!
נשמה מיין, איך האב פאר דיר קיין טרייסט:
א בראך צו דער געלעבערטער שיף אין וועג!

קיין תירוץ: וואס מיר באשערט איז באשערט,
אומזיסט זיך מיען איז נאר פאר דעם פערד!"
א טעות! נשמה מיין, מי, איז ניט קיין שטיין,
ווארפסט אים אין דער הויך — ער, פאלט צו דער ערד!

גערעכט! מי נעמט צו טעג און נעכט פון די יארן,
און ניט אלעמאל איז גערעכט די קארן;
נאר וויסן זאלסטו אויך, נשמה מיין:
צוזאמען מיט דער רויז מוז קומען אויך דארן!

דיין אומגליק, וואס דו טראכסט נאר פונם היינט,
און "אייביקייט" ביסטו דער גרעסטער פיינט,
נאר דער סך-הכל איז אלע מאל אזוי:
אז וויי צו דער חיי-שעה און צו אירע פריינט!

דאס פייערל אין לאמפ צאנקט שטיל אונטערן
אבזשור,
נאר מאכן א שריפה איז זיין איינציקער ריטשנור.
א מצוה וואס קומט דורך אן עבירה איז אלץ זינד:
דער וואלף בייט זיין פעל, נאר ניט זיין נאטור!

נאך איידער מען קוקט זיך ארום טוט שוין באנג,
אין מוח עגבערט דער חרטה גדאנק,
נאר גוט מאכן דעם טעות קאן מען ניט מער:
די שפייז איז אויסגערעכנט און דער וועג - לאנג!

צום שיינעם ווארט ביסטו הארציק פארלאבט,
פאר זיינע אויספירן אבער - די אויערן זיך
פארשטאפט;
איך האב פאר דיר, נשמה, נאר "אוי" און "אוי!":
א קלאג צו דער מוטער וואס געבערט און באגראבט!

## ערב-שבת, אמאל

איידער די ערב־שבת־זון האט דעם הימל פארלאזן
האט מען דעם הארן זעקס מאל געבלאזן:
טרו־טו־טו!
באפריי דעם ארבעטער פון פעלד,
און לאז אים אומקערן זיך אין זיין געצעלט!
געפינט זיך ווער נאענט צו דער שטאט,
ניט מאכן זאל ער א איינציקן טראט,
נארווארטן ביי די גרעניץ־צאמען,
און אלע זאלן ארייגגיין אין שטאט צוזאמען!

טרו־טו־טו!
ווי אין זיידענע שטעק־שיך שלייכט זיך די נאכט:
די וואכשטאטן פארמאכט!
דער ארבעטער ווי דער באלעבאס
זאל הייליקן דעם שבת איבערן יין־כוס!

טרו־טו־טו!
פארקירצן זאלן נשים דעם אינדערוואכן
און צואיילן מיטן קאכן.
זאל אשה׳ס פנים ווערן אויפגעריכט
מיט צינדן די הייליקע שבת־ליכט!

טרו־טו־טו, טרו־טו־טו, טרו־טו־טו!
דער אוונט פארבט שוין אין גרא די שויבן –
דער שבת־קודש האט זיך אנגעהויבן!

## שוין גאר קיין שפּאס

די מאמע האָט א זאג געטאן צו מיר מיט כעס,
און אפשר אויך מיט גרויס ווייטיק אין הארצן:
"ביז וואנען וועסטו מיר דאס פּנים פארשווארצן?
א בחור זאל פון יעדער זאך גאר מאכן א שפּאס"!

" א גלאז מילך איז ביי אים פריש גראז פון פעלד,
און ס'קאן נאך פון דעם אין בויך א לאנקע ווערן;
און ווייַן, איז מיט גוואלד ארויסגעקוועטשטע טרערן,
און ליכט ביים מת צוקאפּנס פארפינסטערן א וועלט!"

" דער גאנצער ערד-קוגל איז ביי אים איין תּפיסה-צעל,
וואו מ'דארף די האר פון מענטש אויף גרוי פארפארבן;
די הויט פון פּנים ווי פעלד צעהאקערן מיט קארבן,
צום סוף, ארויסיאגן אים אויף יענעם זייט שוועל".

א, מאמע, ניט טראג אויף מיר קיין כעס און פארדראָס,
שוין לאנג ווי כ'האב דעם שפּאס פארשלאסן אונטער א שלאָס!...

## אימאָרטאַל...

ווען בן־האַ־האָ
האט זיך געזעצט שרייבן זיין צוואה,
געכאפט האט ער זיך, ער האט ניט וואס דער וועלט
איבערצולאזן,
און דא ווערן זיינע טעג גיך־גיך אין עבר
פארבלאזן.
– זאל זיין, מיין ארים ביסל תורה
איז די סחורה? –
איך האב אבער ניט ארויסגעזאגט
קיין איין אייגן ווארט,
אלצדינגס וואס איז דורכגעגאנגען מיינע
ליפן האט זיך אין דער תורה זיין ארט!
בן־הא־הא איז געווארן בייז,
געווישט זיך פון פנים דעם שווייס,
געווארפן זיך ווי אין א קדחת:
"זיך אנגעהארעוועט ווי כ'זאל איבערטאן
אלע 39 מלאכות,
וואס זיינען אין שבת צו טאן פארבאטן,
און ס'איז מיר ניט געראטן
איך זאל עפעס אייגנס געפינען!"
נאר פלוצים איז אים א געדאנק ארויף
אויפן זינען,
וואס האט צעשטראלט אים דאס פנים:
"אויף מיינע שונאים!"
ער האט אויף גיך אפגעמאלט:
"לויט דער מי איז דאס געצאלט"!
ער האט א הויב געטאן דעם כוס מיט וויין:

"איך בין איצט אויף אייביק אין "פרק" אריין"!
זאג איך, אני הקטן: פיין, פיין!
אזוי דארף טאקע זיין!
און ווען טשערניכאווסקי האט געקאנט מיט די
צוויי שורהלעך:
" עין השמש הם החיים,
והחיים אהבה הם" –
אין "מעניית" אריין,
זאג איך ווידער:
אזוי דארף טאקע זיין!
און ווען דזשאן גרינליף וויטיער,
מיט איינציקע ווערטער מער:
"פון אלע טרויעריקע ווערטער פון צונג און פען,
די טרויעריקסטע זיינען די "ס'האט געקאנט
געשען" –
באוויזן האט אין דער אנטאלאגיע "אימטארטאל
פאעמס", זיין אייביקע דירה זיך מאכן –
זאלט איר ניט לאכן!
איך וואקל זיך ניט ווי שעקספיר:
"זיין, אדער ניט זיין",
איך בין אין דער אייביקייט לאנג שוין אריין!

## דערמאנונגען

ס'געדענקט זיך ווי היינט:
א זומערדיקער שבת־פארטאג.
די זון שיינט,
דער הימל איז געליטערט פון מינדסטן פסולת.
די פייגל מאכן קולות
און היפן צווישן טוי־גראז.
שארף־ריח פון בעז שלאגט אין דער נאז,
פארכאפט אדש דעם אטעם.
אין קאפ קלאמערט זיך א פסוק פון "משפטים":
"און איר זאלט דינען גאט, אייער גאט,
און ער וועט בענטשן דיין ברויט און דיין
וואסער;
און איך וועל אפטאן קראנקשאפט פון צווישן
דיר".
גאט דינען! — נאר וויפיל איז דער שיעור?
ווי נעמט מען דעם כוח די געפילן צו
צאמען,
ווען בושה רייסט דיין נשמה ווי מיט
אייזערנע קאמען?
— אוי־טאטע!
באטראכט ווי אונדזערע שיך זיינען איינגעריכט
אין בלאטע!
ערלים קוקן אויף אונדז מיט חוזק און שפאט,
מחיוב טאקע זיינען מיר צו גיין דורך דער
"נייער שטאט"?
— די שיך!
האט דער טאטע א זאג געטאן

און מיך צוגעדריקט צו זיך –
עס איז שבת־קודש אויף דער וועלט!
און דאס איז דעם בורא׳ס ווילן –
נאר וואס ווייסט א קאפ וואס ליגט ניט
קיין תפילין?!
וואס ארט אונדז וואס זיי שפעטן,
מסורה־התנהגות איז דאך אונדזערע עפאלעטן,
די עדות
אז מיר זיינען מיט טאטע־זיידעס
אין ענגן קנופ צוזאמענגעבונדן,
און אונדזערע נשמות מיט זייער ליכט צעצונדן.
איז וואס, אז דעם אויבערשטנס ווילן איז
געווען
עס זאל ערב־שבת דער רעגן גיין,
און ניט אין מיטנוואכן,
און דא זיינען מיר אין א בלאטע פארקראכן –
נאר ווייסט וואס, מיין קינד, אי"ה, בלי-נדר,
מיר וועלן שוין האבן צוויי פאר שבתדיקע
קליידער.
מיר דארפן זיך טאקע צוגעוואוינען
דעם הייליקן שבת נאך מער באשיינען!...

## א מצוה אויף אים!

באפאלן איז מיר א פחד און א מורא,
ווען כ'האב ארײנגעקוקט אין דער הײליקער תורה.
אוי,אוי,אוי!
"ויבוא הביתה לעשות מלאכתו" –
געקומען איז יוסף צו פוטיפרע אין זאל,
זײן ארבעט אפטאן, ווי אלע מאל".
וועגן דעם זאגן זיך ארויס אויפן קול,
רב און שמואל.
רב זאגט: פשיטא כמשמעו –
געקומען איז יוסף "לעשות מלאכתו!"
און שמואל זאגט: יוסף איז געקומען צו פוטיפרע
באגײן אן עבירה,
נאר ער האט ניט געהאט קײן ברירה:
עס האט זיך באווײזן זײן פאטערס געשטאלט
און – האלט!"
דערויף זאג איך: שמואל, שמואל,
ווי טראגט מען ארויס א שם־רע
אויף א בן ישראל?
די תורה פארשטעלט
דעם אמת פאר דער וועלט,
און דו דעקסט אויף חרפה
און שאנד אויף א איד!
א מצוה אויף דיר:
איצט ביסטו געווארן א טעמע
פאר א ליד!

## גאטס קינדער

( פריי נאכן מדרש "היכלות רבתי" )

וואויל איז ישראלס קינדער פון אלע דורות,
וואס זיינען מערער באליבט ביי גאט
פון די מלאכי־השרות:
עס ווילן די מלאכים די ערשטע זאגן שירה
פאר גאט,
גלייך רינגלען דעם כסא־הכבוד ארום די צען
געבאט,
און טייכן פון פייער און שטראמען פון פלאם
עס שטעלן אויף אין אחדות ארום דער שכינה
א צאם.
און גאט ברוך־הוא זאגט צו די מלאכים:
שווייגט שטיל, יעדער באזונדער,
איך וויל פריער הערן דאס געזאנג און געלויב
פון ישראל, מיינע קינדער! –
עס ווארטן אלע פמליות פון מלאכים אין באנג,
ביז וואנען עס דערהערט זיך פון די בתי־
התפילה דאס געזאנג,
וואס טראגט זיך פון הערצער־הייסע מיט
וואסערפאל־גערויש:
קדוש, קדוש, קדוש!
צעוויגן זיך די שרפים און אופנים אויפן
באלעמער,
אין איין הייליק־מעכטיקן ניגון גיסן זיך
צונויף אלע טענער פון די הימלשע כלי־זמר.

די הימלען ווערן מיט א בלוי־זיידן מאנטל
באקליידט,
און דורך אלע זייערע טויערן פליסן און שטייגן
די טייכן פון זיסער, ליכטיקער פרייד.
דאס אלץ שטייגט, פליסט און שטראמט אלץ העכער
און העכער ארום דעם כסא־הכבוד,
אווא מיט הארף אין האנט שטייט א צעשטראלטער
דער אלטער מלך, דוד!

## וועלט און וועלטן

איך האב געזאגט צו זיך אליין:
ווען וועסטו שוין די וועלט פארשטיין,
אז האבן א ידיעה אויך פון זיך?!
איך האב צוגעליי גט אן אויער,
און באלד פארנומען וועלטן־טרויער,
וואס אויף אלע שפראכן שהייט ער: "איך"!
איך האב די וועלט גענומען פארשטיין:
וועלט און וועלטן — דאס בין איך אליין!

## א געבעט

צו דיר טו איך מײַנע אויגן ווענדן
און בעט: "גאָרטל ווידער מײַנע לענדן
מיט גאַרטלען פון שפּע'דיקן גלויבן,
וואָס זאָל מיך פון נידער דערהויבן.
צעעפן אין האַרצנס-טיף די קוואַלן,
באַלויכט זיי פון דײַנע שטראַלן.
ווייש אויס פון אויג די הייסע טרערן,
און זאָל ווידער מיר ליכטיק ווערן.
פאַרבענקען איך זאָל זיך נאָכן לעבן,
וואָס דו האָסט מיר ערשט נעכטן געגעבן.
באַפעסטיק די לויזע לעבנס־רינגען,
כ'זאָל קאָנען דײַן פּראַכט באַזינגען.
מײַן האַרץ צעוויג ווי א הוידעס,
ס'זאָל ווידער ברומען מיט "מודה".
דו וועסט מײַן ווילן צום לעבן וועקן,
און איך ־ פאַר דיר וועל עס שטרעקן!
א, ווײַז מיר א רמז, א צייכן:
דײַן חסד וועט באַלד מיך דערגרייכן.
ניט טו דײַן רחמנות פאַרמײַדן,
און מאַך א סוף צו מײַנע לײַדן!

## משיח — דוד פרישמאן

( פון העברעאישן )

פון נאכטיקער שטילקייט פארנומען האב איך
א קול פון טומל,
ווי רעש פון קריגן,
און ווי געקלאנג פון רינגען שטארקע
וואס שלאגן זיך איינס אין אנדערן אן —
די הימלען האבן זיך געעפנט,
א שטראם פון גרויס ליכט האט פלוצים א שלאג
געטאן אויף מיר.
א מענגע שטראלן האט ווי א שטראם-וואסער
א גאס געטאן אויף אלץ,
געמיש פון פורפור און הימל-בלוי —
און איך פאל צו דער ערד, בוק זיך און קני.

אט איז גאט, דער האר פון די העררשאפטן!
צווישן דימענט און ליכט,
צווישן וואלקנס רויטע,
וואס ציען ארויף און אראפ.
אט דארט, אויף א צעפלאקערטן פייער,
ווי ווייסער סאפיר —
דאס איז דער שטול, דער הויכער און
דערהויבענער,
די לבנה איז דאס בענקעלע פאר זיינע פיס,
די זון — דער קישן פאר זיין קאפ.
די פאלעס פון זיין מאנטל פארשפרייטן
די זיבן הימלען.

אזוי זיצט דארט, גאט, דער האר פון כבוד!
ביים זייט פון זיין שטול אויבן,
איז צוגעבונדן מיט גראבע קייטן,
מיט קייטן ניט צום צערייסן –
דער האר אונדזערער, דער מלך המשיח!

און איך, נאך דיינע סימנים, משיח, האב דיך
דערקענט!
אינם פייער, וואס ברענט אין דיינע אויגן,
דאס איז דער הייליקער פייער וואס ברענט
אין אויג פון יעדן מאן פון ליד;
אין אויג פון יעדן זעער,
פון יעדן אויסלייזער
און אמת'ן נביא.
אינם גייסט, וואס איז אויסגעגאסן אויף דיין
הויכן שטערן,
אינם צייכן פון רחמים
אין פאלד פון דיינע באקן,
און אין די פונקען די פלאמיקע,
וואס אין די פערל־שנורן פון דיינע ליפן.
און נאך מער פון זיי
אין די גראבע קייטן אויף דיינע צארטע הענט –
איך האב דיך דערוואוסט און דערקענט, געזאלבטער!
דאס ביסטו דאך, מיין האר, דער מלך המשיח!

און אין די גאלדענע קייטן,
געבונדן אין גאלדענע קייטן וואס צערייסן
זיך ניט.

שוין טויזנטער יאר ביסטו צוגעבונדן
צום פראכט־שטול פון דעם האר פון הערשאפטן,
ניט קענען זאלסט זיך רירן פון דיין ארט.
פון אויבן צוזען זאלן דיינע אויגן אלע שרעקן
פון אומרעכט אין לעבן,
וואס האט דיינע ברידער געטראפן —
נאר קורץ זאל זיין דיין האנט זיי צו העלפן.
פון טאג צו טאג,
אין יעדער צייט און אין יעדער רגע,
וואס דיינע אויגן זעען נייע צרות,
און דיינע אויערן הערן דאס קול פון בלוט
וואס שרייט צו דיר פון דער ערד —
דיין אטעם ווערט דאן פארכאפט דיר,
דיין כעס, ווי א פייער זיך צעברענט,
די אדערן אין דיר צוזאמענפלעכטן זיך.
טוטס טיף אן אטעם און באפרייסט זיך,
מיט כוח נעמסט זיך אן,
פרובירסט צערייסן די קייטן,
זיך ארויסרייסן פון דיין געפענגעניש,
זאלסט קענען איילן אויף דער ערד.
ארויסרייסן און מציל זיין
דעם שוואכן פון שטארקערן פון אים,
און דעם געקריוודעטן — פון זיין באדריקער.
עס הערט זיך דאס קלינגען פון די קייטן,
ווען דו פרובירסט זיי צערייסן,
און ווען דו שרייסט: איך בין שוין מיד
די ליידן איבערטראגן!

איך וועל גלייך אראפּנידערן!
באלד קומען!
איצט העלפן!
און אט וועל איך זיי ראטעווען"!
געריסן האסטו, אבער ניט געקאנט.
דו ציסט זיך צוריק,
און אלץ בלייבט ווי געווען –
אזוי טויזנטער יארן הערט זיך ביינאכט א קול
ווען דו שטארקסט זיך פון קייט אפּצורייסן –
און פון שטילקייט פון נאכט האב איך עס געהערט.

און פון דער שטילקייט האב איך פארנומען:
וויי, גאט, ביז וואנען?
א סוד פאר מיר, א סוד פאר מיר!
פארוואס האסטו ארייגעבלאזן אין מיר דידאזיקע
נשמה,
פארוואס האסטו איינגעפלאנצט אין מיר דאס
דאזיקע הארץ,
צו פילן יעדע צרה, יעדן ווייטיק און יעדע
אומרעכט.
צו טראגן און צו ליידן מיט יעדן דערשלאגענעם,
מיט יעדן אומגליקליכן און שווערן געמיט,
און מיינע הענט האסטו געבונדן
איך זאל העלפן ניט קאנען?
פארוואס האסטו געגעבן מיר אן אויג צום זען,
צו וואס – אן אויער צום הערן,
מיין אויג זאל זען דור איין, דור אויס
אין זיינע טרערן,

מיין אויער זאל הערן דור איין, דור אויס
די זיפצן זיינע,
מיין נשמה זאל פילן יעדן מענטשן
אין זיינע וואונדן —
און די הענט מיינע, אבער האסטו געבונדן,
איך זאל ניט קענען העלפן?
פארוואס האסטו באשאפן דעם ים פון אלע פיין,
די אלע שלעכטס און די אלע נויט,
וואס ס'איז מיינס האט שוין געזען פון דאן
און וואס זעען עס וועט נאך ביז
אין דער אייביקייט.
א גייסט האסטו אריינגעגעבן אין מיר,
איך זאל אנשרייען אויפן ים פון פיין
און אים אויסטרוקענען —
מיין מויל, אבער האסטו פארשלאסן,
איך זאל שרייען ניט קאנען?
פארוואס האסטו די טויזנטער און צענטויזנטער
אומגליקליכע באשאפן,
פארוואס האסטו מיך געצווינגען איך זאל
צוזען די טויזנטער און צענטויזנטער אומגליקליכע
וואס וועלן נאך זיין ביזן סוף פון אלע דורות.
מיט טויזנטער פון זייערע טרערן
וואס וועט ביזן לעצטן טאג נאך פארגאסן ווערן?
פארוואס האסטו מיך געמאכט איך זאל הערן
טאג איין טאג אויס
דאס קול פון זייער געוויין
וואס שפאלט פעלזן —
נאר מיינע הענט האסטו געבונדן,

איך זאל העלפן ניט קאנען?
פארוואס האסטו מיר געגעבן דעם כוח
צו מציל זיין און אויסלייזן,
פארגרינגערן און העלפן.
פארוואס דעם באגער איינגעפלאנצט אין מיר
אויסצוטריקענען יעדע טרער,
צו היילן א צעבראכן הארץ,
פארבינדן יענעמס שמערץ –
נאר מיינע הענט האסטו געבונדן מיט קייטן?
פארוואס, גאט, פארוואס האסטו מיך באשטימט
איך זאל דער אויסלייזער זיין –
און אויסלייזן לאזטו מיך ניט?

XXX XXX XXX

און אין דער שטילקייט פון נאכט הערט זיך
א קול און א טומל,
דער רעש פון גאלדענע קייטן,
וואס שלאגן זיך איינס אין אנדערן אן אויבן,
ווען ס'שטארקט זיך משיח מיט כוח די קייטן
צעררייסן,
צעווארפן מיט זיין שטארקן כוח דעם כסא־הכבוד
מיט זיינע זיילן צוזאמען,
דעם הימל און אלע הימלען –
דערהערט זיך אין דער שטילקייט פון נאכט
א קול פון אייזערנע קייטן
אויך אויף דער ערד אונטן,
פון איין עק וועלט ביזן אנדערן עק וועלט...

נאר צווישן די וואלקנס די הדיטע,
דימענט און ליכט,
וואס איז ווייס ווי סאפיר.
דערטראגט זיך א קול פון ענטפער:
"ביז אויפשטיין וועט א נייער דור,
א דור, וואס וועט באנעמען וואס אויסלייז מיינט,
א דור, וואס וויל ווערן אויסגעלייזט,
און וואס וועט צוגרייטן זיין נשמה
צו ווערן אויסגעלייזט!
דאן וועסטו אויך אויפשטיין צו דיין גורל
און ווערן אויסגעלייזט —
דאן וועסטו אויך אויפשטיין צו דיין גורל
און וועסט אויסלייזן"!

# אין ירדן-טיף

(פריי נאך דוד פרישמאן – העברעאיש)

אין ירדן-טיף דארט ליגט א קרוין,
איינגאנצן פון גינגאלד אויסגעשלאגן;
ווער ס'וועט אט די קרוין פארמאגן,
אים זעצן וועט מען אויפן טראן.
דאס גאנצע לאנד, פון ברעג צו ברעג,
די פעלדער, וועלדער – זיין פארמעג!

אין ירדן-טיף דארט ליגט א פידל,
פון עלפנביין, מיט סטרונעס פיל,
און אויך מיט ריינעם גאלד באשלאגן;
ווער ס'וועט אט דעם פידל פארמאגן,
א וועלט פארקלינגען וועט זיין לידל,
אויך נאטן לייענען וועט ער קאנען,
דער לעצטער דור וועט אים דערמאנען!

ביים ירדן-ברעג שטייט א געצעלט,
אין זון געהילט ביז פארנאכט.
א בחור וואוינט דארט, שיין א פראכט!
פון תורה זיין פנים באהעלט.
ווער ס'וועט אין זיין הארץ זיך איינוועבן –
א קרוין, א פידל וועל איך אים געבן!

## האר פון ליכט, זאל זיין אזוי!

( דאס געבעט פון דר.אקסעל מונטע,
פאר זיין טויט )

דאס ליכט ווערט טונקעלער, די נאכט
רוקט זיך נעענטער,
באשעפער פון ליכט, גאט פון טאג, קאנסטו ניט
זיין מיט מיר נאך אביסל לענגער?
די נאכט ציט זיך לאנג פאר געדאנקען
וואס וואגן ניט טרוימען מער פון זונאונטערגאנג,
די נאכט איז אזוי פינסטער פאר אויגן
וואס קענען ניט זעען די שטערן.
באוויליק מיר א פאר רגע׳ס נאך
פון דיין שטראלנדיקער אייביקייט,
איך זאל באנעמען די פראכט פון דיין וועלט:
דעם ליבן ים,
די וואנדערדיקע וואלקנס,
די שטאלצע בערג,
די פראכטפולע ביימער,
די בלומען צווישן דעם גראז.
די פויגלען און חיות –
די ברידער און שוועסטער,
אין הימל און אין די וועלדער
און פעלדער!
לאז איבער מיר אמווייניקסטן א פאר ווילדע
בלומען אין מיין האנט –
דערווארעמען מיין הארץ.

לאז איבער א פאר שטערן
אין דיין הימל,
מיר ווייזן דעם וועג!
אויב כ'וועל מער ניט זעען די געזיכטער
פון פרוי און מאן ארום מיר,
באוויליק מיר א בליק טאן אויפן געזיכט
פון א קליין קינד,
אויף פרײַנטליכער חיה!
איך האב ארייגעקוקט אין די פנימער
פון מענטשן אלע מיינע טעג –
איך האב ניט מער פון זיי וואס ארויסלערנען,
עס איז א לאנגווייליק בוך, פארגלייך מיט דעם
וואס איך האב ארויסגעלערנט פון גאטס אייגענעם
בוך –
פון סודותדיקן געזיכט פון מוטער־נאטור.
מיין אלטיטשקע, וואס האט אפגעווישט אזוי פיל
שלעכטע געדאנקען פון מיין ברענענדיקן שטערן,
מיט צארטן באריר פון איר געקארבטער אלטער האנט,
ניט לאז מיך אליין אין דער פינסטער!
פארברענג מיט מיר אביסל לענגער,
דערציל מיר נאך אפאר וואונדערליכע מעשהלעך,
פארן לייגן דאס קינד אין בעט אריין,
פארן לאנגן נאכטיקן שלאף!
באלויכטער פון דער וועלט,
דו ביסט א גאט!

אז האנט פון א שטערבליכן האט קיינמאל דיינע
הימלען ניט דערגרייכט,

ווי קאן איך, דער ווארים,
ארויסקוקן אויף רחמנות פון דיר,
רחמנות'לאזער זון־גאט!
פון דיר, וואס האט פארשטויסן אפילו דעם גרויסן
פרעה אקאנטען,
וואס זיינע אומשטערבליכע אדעס צו דער זון
האבן אפגעקלונגען איבערן טאל פון נילוס,
מיט פינף הונדערט יאר איידער האמער האט
געזונגען:
"ווען דו גייסט אויף,איז די גאנצע ערד
אין פרייד און אין גליקזעליקייט,
און מענטש זאגט: דיך זען איז לעבן,
דיך ניט זען ־ איז טויט!
דער מזרח און מערב געבן א לויב צו דיר,
ווען דו מאכסט זיי אויפגיין - לעבן זיי,
ווען דו נידערסט זיי - שטארבן זיי"!
ווי קאן, איך, א זינדיקער, האפן אויף גנאד
פון דיר,
איינאיינציקער הערשער פון לעבן?!
ווי האב איך די חוצפה נאך א טובה בעטן
פון דיר,
פון דיר, וואס האט מיר געגעבן אזוי פיל
טייערע מתנות מיט א ברייטער האנט!
דו האסט מיר געגעבן מיינע אויגן,
זיי זאלן שיינען מיט פרייד
און פילן מיט טרערן,
מיר אויך געגעבן מיין הארץ, זיך אנפילן
מיט באגערן
און בלוטיקן מיט רחמנות.

געגעבן מיר שלאף,
גרויס האפנונג,
געמיינט, האסט אלץ מיר געגעבן א מתנה,
א טעות האב איך געמאכט!
געגעבן האסטו עס בלויז פאר א קורצער ווייל,
און איצט, ווילסטו מ'זאל אלץ דיר אומקערן,
דאס געבן צו אן אנדער יציר,
וואס קומען וועט פון דער זעלביקער אייביקייט,
אין וועלכן איך זינק צוריק.
באשעפער פון ליכט, זאל זיין אזוי!
דער האר האט געגעבן און דער האר
האט צוריקגענומען.
געבענטשט זאל זיין דער נאמען פון גאט
פון איצט און ביז אייביק!

## ערשטע זינד

כ'געדענק: כ'בין ערשט פון טאטנס אחריות אראפ,
דער יצר־טוב צאפלט זיך און בעט זיך: "ניטע"!
דער יצר־הרע דרייט אזוי לאנג מיר א קאפ,
ביז ער קריגט איבער מיר די גאנצע שליטה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך שטיי ביים פענסטער אין חרטה פארקלערט:
א נאקעטער געבליבן, אין די הוילע זאקן!
די קני בויגן זיך גיך צו דער ערד,
אין טרויער אויף די פארבראכענע חק'ן.

דער "לאו" וואלגערט זיך פאר די פיס —
א גוסס קעצל אין רשות־הרבים;
א ציצה טוט מיר אין דער זייט א ביס:
שטעל שוין ארויס א פוס און צעררייב אים!...

איך קער די אויגן פון שרעקליכן בילד אפ,
דאס הארץ שטורעמט מיט גרויס ירגזון;
איך לאז די אויגן פארשעמט אראפ:
מ'קאן זיך אויף מיר מער ניט פארלאזן!

איך שטיי שטום, נאר אין גרויס ציטער,
ווי שלאנג — ארום האלדז ווארגט דער געוויסן;
דאס הארץ אין מיר וויינט ביטער:
די קייט פון יחוס האסטו איבערגעריסן!

# אין אייביקער קנעכטשאפט

ניט אנגעוואָרעמט פון מיינע גלעטן
ביסטו געוואָרן, מאמע-ציון,
ווי קאן איך גאר אצינד דיך בעטן,
דו זאָלסט ביי גאט פאר מיר זיך מיען,
איך זאל דיין הייליקע ערד באטרעטן?

איך האב צו דיר זיך ניט געריסן
ווי זויג־קינד רייסט זיך צו דער מאמען.
איך האב געוואָלט פונם טאג געניסן,
זיך נאכגעשלעפט נאך פרעמדע דאמען,
מיין גרויסן אומעט מיר פארזיסן.

ניט געטיילט פאָלקס גרויסן טרויער,
און ניט דאס פאלן פון ממשלת־זדון.
איך קוק מיט קנאה אויפן הויכן טויער,
איך טאנץ אן הארא אויף פרעמדן באדן,
אליין זיך בויער מיר מיין אויער...

ניט אנגעוואָרעמט פון מיינע גלעטן
ביסטו געוואָרן, מאמע־ציון,
ווי קאן איך גאר אצינד דיך בעטן,
דו זאָלסט ביי גאט פאר מיר זיך מיען,
מיין זינד פארגעבן און פארגלעטן?!

## כוונה

געגאַנגען זיינען זיי פאַרטראַכט און געשוויגן,
די הערצער איבערפולט פון טענה-פליִיץ,
וואָס האָט זיך געהויבן אַרויף ווי אויף שטיגן,
און אונטערגעיאָגט ווי מיט בייטשן — פון געריִיץ.

פאַרצויגן האָט ער טיף דעם רויך פון סיגאַרעטל,
אין גאַנג געקויפט פאַר דער דאַמע אַ בלום;
באַנומען האָט זי גלייך דעם וואונק פון פשט'ל:
"אַ דאַנק"! צעקלונגען האָט דעם גאַנצן אַרום.

געגאַנגען זיינען זיי פאַרטראַכט און געשוויגן,
די הערצער איבערפולט פון סליחה-פליִיץ.
גענומען האָט זי פאַרציִען אַ ניגון,
און ער — אין פלאַטער ווי אַ פליג פאַרן קץ.

געגאַנגען זיינען זיי געהאַרעמט און געשוויגן,
און מער ניט געטראַכט דעם אַנדערן צו באַזיגן.

## גורל

פארגעלבטע בלעטער פון טאטנס כתבֿי־יד,
מיט טרער פארטרוקנטער אויף דריבנע אותיות,
כבין דער איינציקער פון מחברס צד
וואס שפינט חלומות פון אייערע כוסות.

געלאזן האט דער טאטע נאך צוויי זין,
וואס טראגן מיט שטאלץ זיין יחוס־נאמען;
חוץ דעם, ווי גאר פון אן אנדער מין,
זיי ענטפערן ניט אויף זיין "בריך": אמן!

ווער ווייסט, צי קומט זיי אויפן געדאנק
דער פראכט־אוצר וואס זיי האבן פארלארן;
צי מאטערט דאס הארץ זיי ווען אין באנג,
פאר אפלעבן אין וואגל די אלע יארן?

דער עלצטער זון איז ביים רוס אין קלעם,
איז אפשר איז ער גאר אן אונס;
זיין הארץ ווארעמט יא דער "אדושם",
פון פינסטערניש ער שיקט צום הימל מנות.

דער יונגסטער פוןביידן איז אין אידן־לאנד,
ער מיינט, מיט שניידן פון פעלד די זאנגען,
און מיטן צוליגן א גאולה־האנט,
דערפילט האט ער דעם טאטנס פארלאנגען.

געפאלן אויף מיין גורל איז עול און חוב
צוזאמען האלטן די געלבע בלעטער;
און ביז דערגרייכן וועל דעם ברעגס סוף,
צו זיין זייער איינציקער רעטער.

איך שיק צום הימל ארויף ליב און דאנק,
וואס מישן זיך אויס אין איין זיסן ניגון;
און ציען וועט זיך אט דאס געזאנג,
ביז וואנען מיין מויל וועט ווערן אנטשוויגן.

## אין געלויף

אט בין איך, אן אלטער מאן מיט אן הוסט,
וואס לויפט מיט שוואכע פיס פון מערדער־טויט,
און כאפט אין וועג אין געאייל א ביסן ברויט,
פארגרעסערט נאך מער דעם שטאך אין ברוסט.

מען טאר ניט אפשטעלן זיך אויף א מינוט,
עס קאן נאך פונם לויפן זיין דער לעצטער טראט;
ניט העלפן וועט דאס געבעט צום העכערן סענאט:
דער מערדער וועט פארבן זיין שווערד אין דיין
בלוט!

די פיס ווילן מער ניט טראגן דעם עול אויף זיך,
זיי בלייבן שטייעןביים שוועל פון דיין שטוב;
און זע, צוויי בערגלעך ארום א פרישן גרוב,
פון וואנען עס קוקט ארויס קאפ און פליך.

## זכרון-נצח!

וואס דארפט איר, זעקס מיליאן, פארברענטע
ביינער,
די מי פון וועלט־קינסטלער אין אן הויפן
שטיינער?
מ'זאל אויסדערציילן אייער מארטירער־גאנג
אין ליד,
אין כאר עס אויסזינגען אונטער א שפּיציקן
פיראמיד?
איר ריינע, מיט גאטס אטעם אויף יעדן צוק
פון ברעם,
איר דארפט ניט קיין עדות אויף אייער קידוש־
השם!
איר אלע, אין די גאז־אויוונס געמאטערט,
געברענט,
אליין האט איר אויפגעשטעלט דעם גרעסטן
מאנומענט!
פון פינסטערניש געדיכט און אירע שאטנס־
שפאלטן,
ארויסשיינען וועלן אייערע ליכטיקע געשטאלטן!
צעפראלן דאס מענטשליכע אויג אין וואונדער־
פארגאף,
ווי ס'ליכט־פליץ אין ערשטן טאג פון באשאף!
איר קדושים וטהורים, אן א שפּרינקעלע שווארץ,
ס'וועט אייביק אייך דערמאנען דאס אידישע
הארץ,
און מאלן אייער געדעכעניש אין רעגנבויגן־
פארבן –
פאר אזא "שטיין" וואלטן מלאכים זיך
געוואונטשן שטארבן!

## געדאנקען

גאט איז גרויס, גרעסער נאך פון דעם הימל און פון דער ערד. גאט איז קליין, קלענער נאך פון א שפילקע קעפל. גאט איז גרויס: ווען דעם מענטשנס גלויבן אין אים איז גרויס, פארלירט דער מענטש דעם גלויבן אין גאט – ווערט גאט רעדוצירט ביז צו נול.

יעדער מענטש איז אן אנקלאגער און א פארטיידיקער. עס איז געווענדט, ווער, וואו און ווען. אין אלע פאלן קאן מען דעם מענטש ניט אונטערקויפן, אין אלע פאלן איז ער הערליך ביז גאר. ליגט אויף יענעם א שטויבעלע, מאכט ער א בארג פון דעם; וואלגערט ער זיך אליין אין א קאליוזשע בלאטע – ווערט זי ביי אים א טייך פון שמעקעדיקן פארפום.

גאט האט באשאפן דעם מענטש מיט א געפיל, כדי דער מענטש זאל געניסן פון לעבן.ס"געפיל" אבער, א שטעקן מיט צוויי עקן:דער מענטש פילט ניט נאר פרייד, נאר אויך לייד.און וואס גרעסער דער מענטש איז, און וואס שטארקער זיינע געפילן זיינען – אלץ גרעסער זיינען זיינע פריידן און אויך זיינע ליידן.

וואס האט דער מענטש נאך ניט דערפינדן? דוכט זיך שוין אלץ! פון ט פראפן-ציער ביז שפאלטן דעם אטאם. נאר דער מענטש איז אלץ ניט צופרידן, און ער זוכט נאך אלץ, און ער איז אזוי פארטאן אין זיין זוכן, אז ער זעט גארניט ווי ער האט זיך אליין פארלארן.

זאג מיר, הארץ מיין, פארוואס ביסטו פארשטומט געווארן, פארוואס זינגסטו ניט מער? פון וואַנען איז דען דאס אמאליקע געזאנג געקומען, אויב ניט פון דעם זעלביקן קוואל. דוכט זיך אז איצטער ביסטו אסך קלוגער געווארן, און וואלסט פון היינט נאך שענער געזונגען? און אפשר טאקע דערפאר, וואס דו ביסט נאריש געווען – האט זיך דיר געזונגען!

אויב איך בלאנדזשע אין מיטן העלן טאג, איז דאס ניט מיין שולד: מיין וועג־ווייזער האט מיך פארפירט. און מיין וועג־ווייזער איז אויך ניט שולדיק, נאר די וואס האבן אים פאר מיר באשטימט, און האבן אים דאס ליכט פון זיינע אויגן אויסגעלאשן.

אויב איך בין אמאל אין כעס אויף דער וועלט, איז דאס ניט מיין שולד, מיינע אויגן האבן מיך אנגערייצט; און מיינע אויגן זיינען אויך ניט שולדיק, נאר גאט, וואס האט זיי אזא זע־קראפט געגעבן, זיי זאלן דערזען דעם מינדסטן פלעק.

אויב איך באגיי אמאל א זינד, איז דאס ניט מיין שולד, דער יצר הרע האט מיר אנגערעדט, און דער יצר הרע איז אויך ניט שולדיק, נאר זי, די זינד, וואס האט אין זיך אזוי פיל רייץ פארמאגט!

א ים מיט ליגן זאגט דער מענטש גערן, און נאך מער ליגן זאגט ער אומגערן, און ער ווייסט

אפילו ניט אז ער האט א ליגן געזאגט. אפילו אין זיין גינגאלד ריינעם אמת ליגט א וועלט מיט ליגן, און ער ווייסט ניט פון דעם. ווייסט דער גאלד־שמיד וויפיל פסולת עס ליגט אים שטיקל גאלד, איידער ער האט דאס צעשמאלצן? אזוי ווייסט דער מענטש וויפיל ליגן עס ליגט אין זיין אמת, כל־זמן דער אמת דרייט זיך ארום אים, און דער אמת דרייט זיך ארום דעם מענטשנס איך, כל זמן דער מענטש לעבט.

מיין מזל האט מיר ביטער אפגענארט: האב איך געווארט פארן גליק, ער זאל קומען צו מיר, איז ער ניט געקומען. בין איך אים נאכגעלאפן, איז ער פון מיר אנטלאפן. האב איך אים שוין געכאפט, האב איך אים אזוי שטארק צוגעהאלטן, אז איך האב אים אזש דערגארגן.

ניט באדויערט מיך אויף די קארבן אויף מיין פנים, זיי זיינען מיר ליב און טייער, אין זיי ליגט שטיקער פון מיין לעבן. טאמער האב איך זיך געפוילט און האב קיין טאג־בוך ניט געפירט, האבן זיי דאס פאר מיר געטאן. און וואלט מיין פנים נאך זיינע דריי און פופציק יאר קיין קנייטשעלע ניט פארמאגט, וואלט דאס קיין פנים געווען, נאר גאר א מאסקע.

אויף וואס בעט איך ביי גאט? אויף

געזונט און פרנסה, נחת פון קינדער. פאר וועד־
מען בעט איך דאס אזוי? פאר אלע גאטס קינדער.
און אויף וואס בעט איך פאר זיך אליין? אז מיין
געבעט זאל מקוים ווערן!

טייטש-ווערטער און דערקלערונגען:

מתבודד – אפגעזינדערט.

א יומא־דפגרא – א יום טוב.

כרת – פארקירצטע יארן.

מסכתא גיטין – א טראקטאט אין דער גמרא, וואו עס רעדט זיך וועגן גט.

בעל-זבוב – דער נאמען פון א פארצייטיקן גאט.

תרפים – שטוב געצן.

בעל־כשפים – צויבערער.

רחום וחנון – דער דערבארעמיקער, גאט.

ברית – בונד-אפשריי.

בן־פורת – דער שיינער מאן. אזוי האבן די מיצרישע טעכטער גערופן יוספן, יעקב זון.

לא אזוז מכאן – כ'וועל זיך ניט רירן פון דאנען.

על כנפי־נשרים – אויף אדלער־פליגל.

סמן ברכה – דער סמן ביים שעכטן, דער גארגל און דער שלונג־רער.

דע מה למעלה ממך – וויים, וואס עס טוט זיך אויבן, אין הימל.

תרעומות – פארדרוסן.

טביעות עין – דאס פארשטיין אויפן וואונק.

זכור אשר עשה לך עמלק – געדענק וואס עמלק האט דיר געטאן.

כסוי־הדם – צודעקן דאס בלוט נאכן שעכטן.

זיילן פון גלות – די פירער פון גלות.

בן הא־הא, איז אריין אין "אבות", פרק, מיט די דריי ווערטער: לפום צערא אגרא – לויט דער מי איז דאס געצאלט".

עזרת נשים – די ווייבער־אפטיילונג אין שול.

שלוש רגלים – די דריי יום טובים, אין וועלכע יעדער איד האט זיך געדארפט ווייזן אין ירושלים.

לא תגורו מפני איש – איר זאלט ניט פארכטן פאר קיין מענטש.

חייב בעונשין – ווען עס קומט די שטראף.

סרסור – מעקלער.

מוכס שיש לו קצבה – שטייער־איינמאנער וואס האט א באשטימטע מאס. אין ליד מיינט עס: דער רב טאר מער ניט אט זיין פרום און אט זינדיק, נאר אלעמאל שוין זיין פרום און טאקע באלד זאל ער עס מיט א מצוה באווייזן.

דאס ליד "זכרון־נצח!", האב איך אנגעשריבן נאכן איבערלייענען מילטאנס ליד "אן שעקספיר", און זיך באנוצט מיט זיינע 3 שורות, וועלכע איך האב, פארשטייט זיך, פאראידישט.

# אינהאלט:

קוואל פון ירושה........................5
א געבעט..............................9
צוריקקער.............................10
דער מאן פון ליד......................15
צום שטיין־קריצער.....................16
מיין צוואה...........................17
אנהאלט..............................20
אויסברייט............................21
דער רוח־חיים.........................22
פאראן טעג...........................23
פארטיילט............................24
פארגיב מיר, מאמע....................25
סוף־פסוק.............................27
אויפן שייד־וועג.......................28
געקומען א שטאפעט....................29
דערוויל..............................31
בלינד איז די וועלט...................32
טיק־טאק, טיק־טאק!....................33
די נשמה פון מיין ליד..................34
זאלן זיי!.............................48

אין זיך אליין.......................49
שאלת־חכם.........................51
זיינע געבאט.......................56
פאר ווערמען.......................57
דער כוח פון תשובה.................58
געגנטפערט וואלט איך...............69
אין אייביקן געראנגל...............70
בעלפער............................71
אין שליחות........................""
נאכט־גוואלד.......................72
פאראן א פרייד.....................""
זכיה..............................73
חלום און וואר.....................74
נאך א טאג.........................75
אין שפעטער־שעה....................78
ווי נעכטן.........................79
סילאנו............................81
פון חומשל.........................82
פאר מיר...........................83
דערוואך!..........................84
ערב־שבת, אמאל.....................87

שוין גאר קיין שפאס....................88

איממארטאל.........................89

דערמאנונגען.........................91

א מצוה אויף אים!....................93

גאטס קינדער.........................94

וועלט און וועלטן.....................95

א געבעט............................96

משיח...............................97

אין ירדן־טיף.........................104

האר פון וועלט!......................105

ערשטע זינד.........................109

אין אייביקער קנעכטשאפט..............110

כוונה...............................111

גורל...............................112

אין געלויף..........................113

זכרון־נצח!.........................114

געדאנקען...........................115

טייטש־ווערטער און דערקלערונגען..........119